YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv10i34

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 10 Issue 34
November 1928

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 10, Iss. 34)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/578

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
אָן מיין גערעכטיג־קייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט לאָזען.

אַרבייטער פון אַלע לענדער, פאַראיי־ניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן

Vol. X. No. 34. Jersey City, N. J., Friday, November 16, 1928 — פרייטאַג, 16טער נאָוועמבער, 1928 — PRICE 3 CENTS

פּרעז. שלעזינגער'ס קאָנפערענצען מיט אַלע עקזעקוטיוועס פון ניו יאָרקער לאָקאַלען רופען אַרויס אַ ברייטען אינטערעס אין אַלע קלאָוק מאַכער קרייזען

עקזעקוטיווע פון לאָקאַל 2 איז איינשטימיג מיט בר. שלעזינגער'ס ארבייטס פּלאַן און יוניאָן־פּאָליסי. — עקזעקוטיוו באָארדס פון לאָקאַלס 35 און 9 גיבען איהם אַ באַגייסטערטע אויפנאַמע. — די באַראַטונגען מיט די עקזעקוטיוועס פון לאָקאַלס 10, 48, און מיט די קלענערע לאָקאַלס 3, 82 און 23, ווערען פאָרטגעזעצט.

גלייך נאָך זיין ערוועהלונג צום אַמט אַלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל, האָט זיך בר. שלעזינגער אַריינגעוואָרפען מיט ענערגיע און אַנטשלאָסענהייט אין דער גרויסער אויפבויאונגס־אַרבייט פון דער יוניאָן.

די צייט איז באַשרענקט און ארבייט איז דאָ אָהן אַ שיעור. אין עטליכע וואָכען אַרום, ערוואַרטעט מען, אַז דער נייער קלאָוק־סיזאָן זאָל זיך שוין אָנפאַנגען, און מען טאָר קיין צייט ניט פערלירען און אַלע פּלענער פאַר ווייטערע אַרבייט דאַרפען צוגעגרייט ווערען. מען דאַרף שמידען דעם יוניאָן־אייזען און אויסלעגען דעם וועג פאַר ווייטערע טעטיגקייט. די לעצטע צוויי וואָכען האָט דאַרום פּרעז. שלעזינגער אָפּגעגעבען הויפּטזעכליך אויף באַראַטונגס־אַרבייט מיט די עקזעקוטיוו באָארדס פון אַלע קלאָוק לאָקאַלען אין ניו יאָרק, מיט די פאַרוואַלטער פון די לאָקאַלען און מיט אַלע אַנדערע וויכטיגע יוניאָן־טוער און פיהרער.

די מיטינגען מיט די עקזעקוטיוועס פון אַלע לאָקאַלען זיינען געווען איבערהויפּט פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. אין פערלויף פון זעקס וואָכען האָט פּרעז. שלעזינגער באַזוכט ספּעציעלע מיטינגס פון די עקזעקוטיוו באָארדס פון איטליכען קלאָוק לאָקאַל, אָנפאַנגענדיג מיט דער עקזעקוטיווע פון לאָקאַל 2, דאָנערשטאָג אָוונט דעם 8טען נאָוועמבער, און דאַן כסדר יעדען אָוונט די מיטינגען פון לאָקאַלס 35, 10 און 48, שליסענדיג מיט אַ פאַראייניגטען מיטינג פון די באָארדס פון לאָקאַלס 3, 82 און 23.

די באַראַטונג פון לאָקאַל 2 איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע

(שלוס פון זייט 2)

שלעזינגער, ווייס, נאַגלער און קאַטאָפסקי ביי א. פ. און ל. קאָנווענשאָן

וועלען פאָרטרעטען די אינטערנעשאַנאַל אין ניו אָרליענס

פּרעזידענט שלעזינגער, איזידאָר נאַגלער, מאַנני ווייס פון לאָקאַל 6, און אַב. קאַטאָווסקי פון קליוולאַנד וועלען פאַרטרעטען די מעמבערשיפּ פון דער אינט. לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן ביי דער האַי־יאָהריגער קאָנווענשאָן פון דער א. פ. און ל., וואָס וועט קומענדיגען מאָנטאַג, דעם 19טען נאָוועמבער, ערעפענט ווערען אין ניו אָרלינס.

פּרעזידענט שלעזינגער האָט אין נאָמען פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד צוגעגרייט אַ רעזאָלוציע צו דער קאָנווענשאָן, אין וועלכער ער שילדערט די איצטיגע סיטואַציע פון דער יוניאָן און דריקט דאָרט אויס די האָפנונג, אַז די פעדערייישאָן וועט, פּונקט אַזוי ווי ביז אַהער, טהאָן אַלעס און ווייטער געבען יעדע נויטיגע הילף און קאָאָפּעראַציע דער יוניאָן אונטער דער נייער פיהרערשאַפט, דורכצופיהרען די נייע אַגרימענטס אין דער קלאָוק און דרעס אינדוסטריע פון ניו יאָרק אין דער נאָהענטער צוקונפט.

די דעלעגאַטען וועלען פאַרלאָזען ניו יאָרק ענדע וואָך, און וועלען זיך אַלע טרעפען אין ניו אָרליענס מאָנטאַג אין דער פריה.

קליוולענדער דזשאָינט באָארד באַנייט אַגרימענט פאַר קומענדיגען יאָהר

אַלע באַדינגונגען פאַרבלייבען די זעלבע. — די פריינדליכע באַציהונגען מיט די קליוולאַנדער באַלעבאַטים האַלטען שוין אָן פולע 9 יאָהר.

די קליוולענדער דזשאָינט באָארד פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, וועלכע נעמט אַרום אַלע אָרגאַניזאַציעס פון די קלאָוק און דרעסמאַכער אין דער שטאָדט, האָט לעצטען פרייטאָג, דעם 9טען נאָוועמבער, באַנייט דעם ביז איצטיגען אַגרימענט מיט דער קליוולענדער לײדיס גאַרמענט מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן פאַר דעם קומענדען יאָהר. אַלע ביז איצטיגע באַדינגונגען בלייבען אומפאַרענדערט.

מיר וועלען פאַר די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" איבערגעבען ווערטערליך דעם אינהאַלט פון אַ בריעף, וואָס מיר האָבען באַקומען פון בר. טשאַרלז קרעינדלער, וועגען דער אַרבייט פון זייער קאָנפערענץ קאָמיטע, וועלכע איז באַשטאַנען פון די ברידער קאַטאָפסקי, ברודער פריינד און איהם זעלבסט, ווי פאָלגט:

„די באַנייאונג פון אונזער אַגרימענט פאַר קומענדען יאָהר באַדייט פאַר אונז אין קליוולאַנד, דעם אָנהויב פון אַ נייער ערע אין דעם לעבען פון אונזערע קלאָוק און דרעסמאַכער. דאָס איז דאָס ניינטע מאָל, אַז מיר צייכענען אַ קאָלעקטיווען אַגרימענט מיט אונזערע באַלעבאַטים. אין די פריהערע יאָהרען האָבען מיר אָפט דורכגעמאַכט מאַנכע שוועריגקייטען, און דעם מאָל איז אויך ניט געווען קיין איבעריגעס גוטע און רוהיגע אויסזיכטען צו קומען צו אַ פאַרשטענדניס מיט די באַלעבאַטים. די קאָמיטע האָט געמוזט אָפט געהן דורכמאַכען פאַרשידענע שוועריגקייטען, איידער זיי האָבען געקענט קומען צו דער דזשאָינט באָארד, און זיי מיטטיילען אַז דער קאָנטראַקט איז באַנייט געוואָרען אויף דיזעלבע באַדינגונגען ווי אין יאָהר 1928.

כדי עס זאָל פאַר אַלעמען קלאָר ווערען די וויכטיגקייט פון דער באַנייאונג פון אונזער אַגרימענט, דאַרף דאָ דערמאָנט ווערען, אַז דער קליוולאַנדער אַנ־

(שלוס אויף זייט 2)

וויכטיגע באַראַטונג פון לאָקאַלע פיהרער וועגען דער יוניאָן'ס אויפגאַבען פאַר'ן קומענדיגען סעזאָן

די באָארד אָוו דירעקטאָרס, די מענעדזשערס און די טשערלייט פון אַלע דזשאָינט באָארד לאָקאַלען און פּרעזידענט שלעזינגער קאָנפערירען וועגען זעהר וויכטיגע יוניאָן פראַגען.

מיטוואָך, דעם 7טען נאָוועמבער, איז אין דער בילדינג פון דער אינטערנעשאַנעל פאָרגעקומען די ערשטע און זעהר וויכטיגע קאָנפערענץ מיט ברודער ב. שלעזינגער אַלס דעם נייעם פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנעל.

דער צוועק פון דער קאָנפערענץ איז געווען גענוי אָפּצושאַצען די לאַגע פון די לאָקאַלען און פון דער גאַנצער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד, כדי צו שאַפען פאַר זיך אַן אָביעקטיווען באַגריף איידער די יוניאָן אַדמיניסטראַציע אונטער דער נייער פיהרונג פון פּרעזידענט שלעזינגער טרעט צו אויסצואַרבייטען טעטיגקייטס־פּלענער פאַר'ן קומענדען סיזאָן.

אין דער קאָנפערענץ האָבען זיך אויך באַטייליגט, אַ חוץ דער באָארד אָוו דירעקטאָרס, די לאָקאַל מענעדזשערס, די טשערלייטע פון די לאָקאַלען, די דיסטריקט מענעדזשערס און פּרעזידענט שלעזינגער.

די קאָנפערענץ האָט געטראָגען אַ העכסט ערנסטען און אָרגאַניזאַציאָנעלען כאַראַקטער, און אַלע פאַרשטעהער פון די פאַרשידענע דזשאָינט באָארד לאָקאַלען האָבען באַריכטעט וועגען דעם גענויען צושטאַנד פון זייערע אָרגאַניזאַציעס אין איצטיגען מאָמענט. דער מיטינג האָט זיך נישט באַשעפטיגט דעם מאָל מיט אויסאַרבייטען פּלענער פאַר דער צוקונפט. דאָס וועט באַלד אין גיכען געשעהן. פריהער איז אָבער נויטווענדיג געווען אויסצופאָרשען די אייגענע לאַגע און דאָס איז געטאָן געוואָרען אויף אַן אויספיהרליכען אופן.

נאָכדעם ווי די מענעדזשערס פון די לאָקאַלען, פון די דיסטריקטען און פון דער דזשאָינט באָארד האָבען גענוי באַקאַנט געמאַכט ברודער שלעזינגער מיט דעם איצטיגען צושטאַנד פון דער יוניאָן, האָט דער נייער פּרעזידענט אין אַ קאָנסטרוקטיווער רעדע, וועלכע האָט אַנטהאַלטען אַ סך זעהר אינטערעסאַנטע געדאַנקען, אויסגעשפּראָכען זיין מיינונג וועגען דעם וואָס עס דאַרף אין דער

(שלוס אויף זייט 2)

ערשטע אָפיציעלע קאָנפערענץ צווישען דער יוניאָן און דרעסמאַכער אַסאָסיאיישאָן

פּרעזידענט שלעזינגער, גענעראַל מענעדזשער נאַגלער און וויס־פּרעזידענט רייזבערג באַטייליגען זיך אין דער באַראַטונג. — דער הויפּט־פּונקט פון די פאַרהאַנדלונגען איז דער אויסגאַנג פון אַגרימענט.

מיטוואָך נאָכמיטאָג, דעם 14טען נאָוועמבער, איז פאָרגעקומען אין האָטעל מעקאַלפּין די ערשטע קאָנפערענץ צווישען די פאָרטרעטער פון דרעס מאַנופעקטשורערס אַסס'ן און די פאָרטרעטער פון דער יוניאָן.

ווען מיר געהען צום פּרעס, דערוויסען מיר זיך, אַז נאָכדעם ווי ביידע צדדים האָבען זיך אין אַלגעמיין דורכגערעדט וועגען דער לאַגע, איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז די הויפּט־פּונקטען צווישען דער יוניאָן און די דרעס מאַנופעקטשורערס זאָלען ערשט אויפגענומען ווערען אויף אַ צווייטער באַראַטונג, ווען פּרעז. שלעזינגער וועט צוריקקומען פון ניו אָרלינס.

די דרעסמאַכער יוניאָן איז ביי דיזען [illegible] מענעדזשערס פון די דרעס מאַכער לאָקאַלען, און דורך דעם מענעדזשער, ברודער רייזבערג, פון דרעס דעפּאַרטמענט. ברודער נאַגלער פאָרטרעט דעם דזשאָינט באָארד, און פּרעזידענט שלעזינגער די אינטערנעשאַנעל.

די דרעסמאַכער יוניאָן וועט באַשטימט צופרידען זיין ווען זי וועט קענען באַשיצען די אינטערעסען פון איהרע מיטגלידער און פון די אַרבייטער אין טרייד אויף אַ פריידליכען אופן. די פאָרטרעטער פון דער יוניאָן זיינען אין דיזען גייסט געגאַנגען צו דער קאָנפערענץ, און אויב זיי וועלען דאַרט באַגעגנען דעם זעלבען סענטימענט, וועלען זיי זיכער זיין צופרידען. אויב ניט — איז די יוניאָן באַרייט אויף יעדען [illegible]

אינהאַלט פאַרצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 34.

זייט 2. נייעס, שלוסען.
זייט 3. מיטינג פון דזשאָינט באָארד — הערי וואַנדער. צוויי רעדעס פון פּרעז. שלעזינגער.
זייט 4. פילאַדעלפיער פּיידוש — מ. פּאַלין.
זייט 5. בריף, שטימען, מיינונגען — מ. קיפּנים, עמיל קאַליש, מ. רודין.
זייט 6. עדיטאָריעלס.
זייט 7. גאָמפּערס־בילדער אין אייראָפּאַ — ה. לאַנג. לאָקאַל 88 פיהרט איין אַ לייבאָר ביוראָ.
זייט 8. יוניאָן צייט־געשיכטע — פ. העלין.
זייט 9. ב. פייגאַלעוויטש (ביאָגראַפישע נאָטיצען).
זייט 10. אויף די פעלדער פון אַמעריקאַנער [illegible] — [illegible]

ברודער זיגמאנ'ס רעזיגנאציע בריף צום דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

(שלוס פונ זייט 1)

דעמאראליזאציע פון אונזער קלאוקמא־כער יוניאן אין ניו יארק איז געווען די שטענדיגע קריגערייען, רייסערייען און אומצופרידענהייט, וואס זיינען געקומען צוליב דעם, וואס עס האבען עקזיסטירט גאנצע דריי קלאוק אפערייטארס לא־קאלס אין ניו יארק. די פראטאקאלען פון אונזערע קאנווענשאנס און פון די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד מיטינגס זיינען פול מיט דער געשיכטע פון 16 יאהר פון קריגערייען, אויסברוכען און שארען, וואס דיזע צוטיילונג פון די קלאוק אפערייטארס האט געבראכט.

„עס איז גאנץ איבעריג פאר מיר דא צו אונטערשטרייכען דעם פאקט, אז איך בין געווען געגען דיזען קוואל פון ריי־סערייען אין אונזער יוניאן נאר צוליב דעם, וואס איך האב געוואלט אויס־ראטען דעם איבעל אין די אינטערעסען פון דעם ערפאלג פון אונזער ארגאני־זאציע. פון די פראבעס, וואס עס זיי־נען שוין געווען געמאכט געווארען אפ־צושאפען די צווייפאכיגע ארגאניזאציעס פון די אפערייטארס, און פון די מיטלען און מעטאדען, וואס לאקאל 17 און זיינע סימפאטייזער האבען אנגעווענדעט ניט צו דערלאזען, אז מען זאל האבען איין אפערייטארס לאקאל אין ניו יארק, האב איך געוואוסט, אז דאס יועט ניט זיין קיין לייכטער דזשאב. וואלט איך גע־טראכט נאר וועגען מיין אייגענער בא־קוועמליכקייט, וואלט איך דאס געלאזט געהן ווי בעפאר. אבער דאס וואלט גע־מיינט אויסצודרעהען זיך פון פאראנט־ווארטליכקייט, און אזעלכעס איז ניט אין מיין נאטור. איך האב עס דעריבער בא־טראכט פאר מיין הייליגער אויפגאבע צו טאן אלץ וואס איך קען נאר אפצושאפען די איבלען.

„איך בין דעריבער געווען העכסט צו־פרידען, וואס די 17טען צוויי־יעהרליכע קאנווענשאן האט אינסטרואירט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איינמאל פאר אלעמאל צו סעטלען די דזשוריס־דיקשאן קריגערייען פון די קלאוק אפע־רייטארס אין ניו יארק.

„דער איינציגער לאגישער אויסוועג, וואס מיר האבען געקענט געפינען, איז געווען צו פאראייניגען די לאקאלס 1, 11 און 17 אין אן אלגעמיינעם אפערי־טארס לאקאל, און אזוי האבען מיר גע־האנדעלט.

„איך בין פאלשטענדיג איבערצייגט, אז דיזע פאראייניגונג האט אפגעשאפט א לאנג־יאהריגען איבעל אין אונזער יו־ניאן און אז עס איז געווען פאר דעם בענעפיט פון אונזער יוניאן אלס א גאנ־צע. דער געוועזענער דיפער מאכער לא־קאל איז געווען אן אומגעזונטער טייל פון דעם קערפער פון אונזער יוניאן, און זיינע זאגענאנטע קליימס אויף שעפער, וואו זיינע מעמבערס האבען געהאט א מאנאפאל אויף די דזשאבס, זיינען גע־ווען אומבארעכטיגט און אהן א באדען. אין אלגעמיין האט די עקזיסטענץ פון דיזען לאקאל געמיינט אן אומגערעכטע דיסקרימינאציע געגען די גרעסטע מאסען פון אונזערע מעמבערס, סיי אפערייטארס און סיי פינישערס. די מעטאדען, וואס דיזער לאקאל האט געברויכט צו פאראייביגען זיינע ספעציעלע פריווילע־גיעס, האבען געהאט א דעמאראליזירענ־דע ווירקונג אויף די דזשאינט באארד לאקאלען און אויף דער אינטערנעשאנאל אלס א גאנצע.

„און איצט, נאך אט דער גאנצער ארבייט און די אלע שוועריגקייטען צו לייזען די פראגע, האלטען מיר ביי גרינ־דען איבעראנייעס אזא באזונדערען לא־קאל און מיר פאנגען אן די גאנצע גע־שיכטע פון דאס ניי.

„און צוליב וואס טוען מיר דאס?

„די ספעציעלע קאמיטע האט אין איהר רעפארט צו דער דזשענעראל עק־זעקוטיוו באארד גאנץ קלאר געזאגט, אז זי האט ניט געקענט געפינען קיין אינדוסטריעלע בארעכטיגונג פאר נאך א קלאוק אפערייטארס לאקאל, אבער זי בארעכטיגט איהר רעקאמענדאציע אויף דעם גרונד פון פאליטישער צוועקמע־סיגקייט.

„אזא באשלוס מוז איך גאנץ אפענ־הערציג בעטראכטען אלס ניט ריכטיג, [illegible] עס איז געגען די ארגאניזאציאנס־פרינציפען, וועלכע איך האב אימער פארטיידיגט.

„צו דעם שלעכטען מוז איך אויך צו־[illegible], אז עס זיינען פאראן נאך אור־[illegible], וואס מאכען אוממעגליך, אז איך [illegible] ווייטער בלייבען פרעזידענט פון דער [illegible]עשאנאל.

„אין 1928, נאך דעם אומגליקליכען [illegible]

טעווען די יוניאן, איז אונז געלונגען צו פאראייניגען אונזער מעמבערשיפ און פיהרערשאפט און בויען א געזונטע, טיכ־טיגע ארמיי דורכצופיהרען דיזע וויכטי־גע אויפגאבע. טראץ די ריזיגע שוועריג־קייטען האט מען גלייך געקענט זעהן דעם ערפאלג פון אונזער געאייניגטער טעטיגקייט.

„וואלטען מיר אנגעגאנגען אויף דעם זעלבען וועג, בין איך זיכער, אז מיר וואלטען שוין באלד דערגרייכט אונזער ציעל. צום אומגליק האט אבער פא־סירט, אז אזוי שנעל, ווי די יוניאן האט געהאלטען ביים קומען צו זיך, האבען מאנכע געוועזענע לאקאל און דזשאינט באארד באאמטע, וועמעס אויפקלעהן איך האב באטראכט פאר א באדייטענ־דען געווינס פאר דער ארגאניזאציע, זיך אומגעקערט צו זייערע עמטער און טע־טיגקייט. און מיט זייער צוריקקומען האט זיך נאך אמאל אנגעפאנגען די אל־טע געשיכטע פון ספעציעלע פריווילע־גיעס און שעדליכע פיהרונגען, וועלכע האבען, לויט מיין מיינונג, אינטערגע־גראבען דעם געזונט פון אונזער יוניאן.

„דער ספרינג סעזאן פון 1928 האט געבראכט א גלענצענדע געלעגענהייט צו טאן קאנסטרוקטיווע ארבייט אין אונ־זער ניו יארק דזשאינט באארד. אבער מאנכע פון אונזערע ניו יארקער פיה־רער האבען אויסגעקליבען די צייט צו פארשפרייטען שעדליכע פראפאגאנדע און א קאמפיין פון שושקעניש מיט פאלשע אישום ערב דער קאנווענשאן. דער רע־זולטאט איז געווען א העכסט דעמא־ליזירענדער און אונזערע שונאים האבען געמוזט זיכער פרעהען זיך מיט דעם. און אנשטאט צו געווינען געזונט און מאכט, איז די יוניאן צוליב דעם זעהר פיל אפגעשוואכט געווארען.

„צוליעב דעם איינפלוס פון דעם ערב קאנווענשאן קעמפיין האט די קאנווענ־שאן אליין, פארשטעהט זיך, ניט גע־קענט ערפילען דאס, וואס מען האט ער־ווארטעט פון איהר, און די לאגע האט זיך ניט פארבעסערט זינט דער קאנ־ווענשאן.

„אונטער דיזע אומשטענדען פיהל איך, אז איך קען מעהר ניט לייסטען קיין ארבייט פאר דער אינטערנעשאנעל" „פארלאזענדיג מיין אמט, האלט איך בלויז די אינטערעסען פון דער יוניאן אין זינען.

„מיר ווייסען אלע, אז יעדער פאר־זוך פון די קאמוניסטען צו פארני־כטען אונזער יוניאן איז דורכגעפאלען, פונקט ווי עס איז דורכגעפאלען זייער סאמע לעצטע מאנעווער צו גרינדען אן אפא־זיציאנס סקעב יוניאן. איך גלויב, אז אונזער יוניאן קען צוריקגעבויט ווערען, אויב אלע וועלען געאייניגט טאן די נויטיגע ארבייט.

„צום שלוס, ערלויבט מיר אויסצו־דריקען מיין טיפסטען דאנק צו אייך, צו אונזער מעמבערשיפ און צו אלעמען, ביי וועמען אונזער יוניאן איז א אידעאל, פאר וועלכען עס איז ווערט צו אפ־פערען זיך.

„איך בין דאנקבאר פאר דער געלע־גענהייט וואס עס איז מיר געגעבען גע־ווארען צו טהאן מיין חלק אין דער אר־בייטער באוועגונג.

„מיט דעם ווארימסטען געפיהל פון אמת'ע ברודערשאפט צו אלע אונזערע פאר אייער ווייטערען ערפאלג און פאר מעמבערס, און מיט די בעסטע ווינשע דעם פארטשריט פון אונזער יוניאן, בין איך,

מיט פריינדליכען גרוס,
מאריס זיגמאן,
פרעזידענט.

קאמיטע פון קלאוק אפערייטארס לאקאל 2 מאכט א דרינגענדען אפיל צום דזשענ. עקזעקוטיוו באארד אפהאלטען זיך מיט א טשארטער פאר דיפער לאקאל

שלאגט פאר א פלאן פון מעהרער פאראייניגטער ארבייט אין דער יוניאן.

דינסטאג, דעם 30טען אקטאבער, איז ערשינען א שטארק פארטראטענע קא־מיטע פון דעם קלאוק אפערייטארס לאקאל 2 און האט דורך שטארק אפעלי־רענדע ווערטער געבעטען דער באארד אפצוהאלטען זיך פון דורכפיהרען דעם באשלוס פון דער קאמיטע ביז צו דעם קאנווענשאן.

די קאמיטע וואס איז באשטאנען פון בר. בענדזשאמין קאפלאן, מענע־דזשער פון דעם לאקאל, ב. מאזער, מע־נעדזשער פון דעם אינדעפענדענט דע־פארטמענט, ל. ליווי, אייבראמס, סטור־דענט, רעזניק, אשפיז און באגנא הא־בען געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק אויף דער גאנצער מעמבערשיפ פון דער באארד.

די קאמיטע פון לאקאל 2 האט אנ־געוויזען, אז דאס וואס די קאנווענשאן קאמיטע האט אין איהר באשלוס גע־זאגט, אז אינדוסטריעל איז ניטא קיין אורזאך פאר א נייעם לאקאל, נאר פא־ליטיש; קאן דערפאר די באארד זיך אפהאלטען מיט דעם באשלוס ביז דער נעקסטער קאנווענשאן.

אין דעם נאמען פון לאקאל, האט יע־דער פון קאמיטע געזאגט, פארלאנגען מיר, אין אזא קריטישער צייט, ווי היינט, איינינגקייט און ניט קיין צושפליטערט־קייט.

די קאמיטע האט אויך אין נאמען פון דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 2 פארגעשלאגען שריפטליך צום דזשאינט באארד צו ארבייטען אויף א מעהר עפי־שיענסי אופן ווי זי האט געארבייט ביז איצט און זעהן לייזען וואס שנעלער די פארשיידענע טרייד פראבלעמען און די קאמיטע האט געגעבען איהר מיינונג אויף וואס פאר אן אופן די טרייד־פראבלעמען זאלען געלייזט ווערען. די באארד האט אויך מיט אכטונג בא־טראכט די לעצטע פראגע פון דער קאמיטע.

באסטאנער קאטערס און פרעסערס ארבייטען פאר מעהר איינינקייט אין לאקאל מארקעט

קאמיטע פון 10 אפאינטעט צו ברענגען מעהר הארמאניע צווישען ארבייטער.

לאקאל 73, די קאטערס יוניאן פון באסטאן, האט דורך די לעצטע פאר וואָ־כען אויסגעארבייט א פלאן פון מעהרער איניציאטיווע און פון א גרעסערער מאס קאאפעראציע און הארמאניע צווישען די ארבייטער אין די קלאוק און דרעס שע־פער אין באסטאן.

מאנטאג, דעם 22טען אקטאבער, האבען די קאטערס געהאט אן אונטער־נעמונג אין האל אין וואשינגטאן סטריט. צו דער אונטערנעמונג זיינען געקומען 175 מיטגלידער פון די פרעסערס און אפערייטארס, צווישען וועלכע עס זיינען געווען 75 קאטערס.

דער אונטערנעהמונגס אווענט איז געווען אן אויסגעצייכענטער סיי אין דעם געזעלשאפטליכען זין פון פארברענ־גען און סיי אין דעם גייסטליכען. עס איז אויף דער אונטערנעמונג ארגאנזשירט געווארען א דיסקוסיע וועגען יוניאן אנ־געלעגענהייטען און די דיסקוסיע איז געווען גלענצענד דורכגעפיהרט. די אנ־טייל־נעמער אין דער דיסקוסיע האבען אנגעוויזען מיטלען און וועגען ווי אזוי צו דערהויבען דעם מאראל פון די מיט־גלידער און ווי אזוי פטור צו ווערען פון דער קאמוניסטישער טעטיגקייט וואס זוכט צו צושטערען די יוניאן קאנדי־שאנס און דעם איינפלוס פון דער אינ־טערנעשאנאל אין באסטאן.

ברודער ראבערט טריהוב, טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 73, אויף וועמעס פארשלאג דער אונ־טערנעמונגס אווענט איז ארגאנזשירט געווארען איז געווען טשערמאן. צווישען די וואס האבען גערעדט זיינען געווען: פיליפ קרעמער, מעמבער פון דער דזשע־נעראל עקזעקוטיוו באארד פאר באסטאן, מייער פרענק, מעמבער פון לאקאל 12, היימאן ניומאן און דזשאהן וואן ווארניק, פריהערדיגער פרעזידענט פון מא־סאטשוזעטס סטייט פעדערייישאן אוו לייבאר.

א קאמיטע פון צעהן, פינף פרעסערס און פינף קאטערס זיינען ערוועהלט גע־ווארען אויסצוארבייטען פלענער פאר טעטיגקייט אין דער יוניאן און פאר מעהרער הארמאניע צווישען די באסטא־נער קלאוק און דרעס מאכער. און אזוי ארום האט זיך דער מיטינג געענדיגט שעהן און אין א פרעהליך און האפנונגס־פולער שטימונג. אנדערע אזעלכע מי־טינגען וועלען ווייטער אויך ארגאנזשירט ווערען.

לאקאל 2 דזשענעראל מעמבער מיטינג וועט געבען מאנטאג נאכט אין וועבסטער האל א הארציגען זיי־געזונט צו עקס־פרעזידענט זיגמאן

עקזעקוטיוו וועט אויך ברענגען אן אינטערעסאנטען באריכט וועגען דער איצטיגער לאגע אין דער יוניאן. — א ספעציעלע דיסקוסיע וועגען א טשארטער פאר לאקאל 17 וועט אויך פארקומען.

מאנטאג אווענד, גלייך נאך דער אר־בייט, וועט אין וועבסטער האל פארקומען אן אינטערעסאנטער אלגעמיינער מעמבער מיטינג פון די קלאוק אפערייטארס לאקאל 2. די עקזעקוטיוו האט עקסטרא ארגאנ־זשירט דעם מיטינג כדי די מיטגלידער זאלען האבען די געלעגענהייט צו געבען א הארציגען זיי געזונט צו ברודער מאריס זיגמאן, איצטיגער עקס־פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל.

זיכער ערווארטעט מען, אז דער מי־טינג זאל זיין אן ערפאלג בלויז צוליב דעם אליין, וואס יעדער איינער איז נייגעריג צו הערען דאס לעצטע ווארט פון ברודער מאריס זיגמאן. דער מיטינג וועט אבער אויך זיין אינטערעסאנט פון אן אנ־דער שטאנדפונקט, נעמליך, די עקזעקוטיוו באארד האט צוגעגרייט א אינטערעסאנ־טען באריכט פון דער איצטיגער לאגע אין דער יוניאן און יעדער מעמבער וועט הא־בען די מעגליכקייט אויסצושפרעכען זיין מיינונג און פארצולעגען פלענער אדער אויסבעסערונגען צום באריכט.

עס וועט אויך אויפגענומען ווערען די פראגע פון לאקאל 17. מענעדזשער קאפלאן און א קאמיטע פון דער עקזעקו־טיווע האבען וועגען דער אנגעווייטאנ־טער פראגע אפעלירט צו דער גענערעל עקזעקוטיוו באארד או די מיטגלידער ווע־לען קריגען א באריכט וועגען דער וויכ־טיגער פראגע מאנטאג נאכט.

עס דארף דעריבער זיין פון גרויס וויכ־טיגקייט און פון [illegible] פאר יעדען מיטגליד צו קומען [illegible] טינג, און קומען [illegible]

יעהודליכע יוניטי ריי־יוניאן אונטערנעהמונג

וועט אפגעהאלטען ווערען שבת נאכט, דעם 2טען פעברואר, 1929, אין מאנהעטען אפערא הויז. — קאמיטע איז שוין „ביזי" מיט אראנזשמענטס. ס'איז שוין געלונגען דער קאמיטע צו אראנזשירען די בארימטע וויטמאן פיקאדילי שפילערס.

א זעהר ענערגישע קאמיטע איז ביי דער ארבייט און מאכט שוין אראנזש־מענטס פאר אונזער יוניטי ריי־יוניאן אונטערנעמונג וואס וועט אפגעהאלטען ווערען אין דעם שעהנעם באל רום פון מאנהעטען אפערא הויז, 8טע עוועניו און 34טע סטריט, דעם 2טען פעברואר, 1929.

די אונטערנעמונג וועט זיין זיכער זעהר אנציהענד פון יעדען שטאנדפונקט. פאלגט נאך אונזערע אנאנסמענטס און איהר וועט זיך אליין אין דעם איבער־צייגען. פון דער היימישער אטמאספע־רע פון די מאסען פריינד צווישען וועל־כע איהר וועט זיך געפינען — איז נאך אפגערעדט, ווייל די אונטערנעמונג איז אין גאנצען א געזעלשאפטליכע.

דער קאמיטע איז שוין געלונגען צו אראנזשירען די באוואוסטע פאול וויט־מאן פיקאדילי שפילער און אזוי וועט ווייטער געלינגען דער קאמיטע צו אראנ־זשירען אלץ און אלעמען וואס וועט פארשאפען דעם פארזאמעלטען עולם פארגעניגען ווי אם בעסטען.

א טיקעט וועט קאסטען בלויז 1 דאל. איינשליסענדיג ווארדראוב. זייט ניט צו שפעט, נאר אויב איהר ווילט זיך משמח זיין אויף אן אמת אנגענעמענע אונטער־נעהמונג, פארזארגט זיך גלייך מיט א טיקעט באצייטענס.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

פון הערי וואנדער, סעקרעטער-טרעזשורער.

א רעגעלער מיטינג פון דעם דזש. באארד איז אפגעהאלטען געווארען מיטוואך, אקטאבער דעם 31טען, 1928.

טשערמאן בר. מ. סטאלער.

דער באארד און דירעקטארס גיט אפ דעם פאלגענדען באריכט פון דעם מיטינג, וואס זיי האבען אפגעהאלטען דעם 29טען אקטאבער, 1928:

א רעגעלער מיטינג פון דער באארד און דירעקטארס איז אפגעהאלטען געווארען מאנטאג אווענט, דעם 29טען אקטאבער, אין דעם אפיס פון דער אינטערנעשאנעל.

טשערמאן ל. ריעף.

קאמיטעס:

בר. באננא, פארטרעטענדיג די סטרייקערס פון ה. ע. מיללער, ערשיינט און ערקלערט, אז בר. נאגלער האט איהם אינפארמירט דאס נאך א בעראטונג מיט אייניגע לאקאלע מענעדזשערס האבען זיי באשלאסען אפצושטעלען א קאמיטע פון בלויז 2 סטרייקערס, וועלכע זאלען אויף ווייטער אנפירען דעם סטרייק געגען דיזער פירמע. בר. באננא איז געגען אזא אראנדזשמענט, ווייל ער איז איבערציינט, אז מיט א קאמיטע פון 2 קאן דער סטרייק ניט אנגעפירט ווערען. ער פארלאנגט דארום, אז די קאמיטע זאל באשטעהן פון וויינינגסטענס 3 מענשען. ער ערקלערט אויך, אז ער פערזענליך איז פאלשטענדיג צופרידען מיט דער ארט און ווייזע ווי דער סטרייק איז אנגעפירט געווארען ביז איצט. די יוניאן האט געטאן אלעס מעגליכעס דעם סטרייק צו געווינען, און אויב עס איז נאך ביז יעצט ניט געלונגען צו סעטלען דעם סטרייק איז עס קיינעמס ניט שולד, ווייל די אומשטענדען זיינען ניט געווען גינסטיג.

נאך א בעראטונג ווערט באשלאסען, אז א קאמיטע פון 3 זאל זיך אפשטעלען אנצופירען אויף ווייטער דעם סטרייק, און די סומע פון רעליעף, וואס דארף אויסגעצאהלט ווערען צו דיזער קאמיטע, זאל באשטימט ווערען פון דעם אפיס צוזאמען מיט די מענעדזשערס פון די לאקאלען 2, 9, 10, 35 און 48, און זאל זיי אויסגעצאהלט ווערען דורך דעם דזש. באארד אפיס.

צושריפטען:

לאקאל 2 רעקאמענדירט אין א צושריפט, אז דער דזשאינט באארד זאל רופען א סעריע דיסטריקט מיטינגען צו באקענען אונזערע מיטגלידער מיט דער אלגעמיינער לאגע פונ'ר יוניאן און אויך אויפפאדערען די מיטגלידער צו העלפען צוריק עטאבלירען די יוניאן באדינגונגען אין די שעפער. לאקאל 2 גיט צו אז עס איז פיליכט אביסעל צו שפעט צו רופען אזעלכע מיטינגען יעצט, ווען דער סיזאן האט זיך שוין פאקטיש געענדיגט. טראץ דעם גלויבען זיי, אז עס וועט דאך ברענגען געוויסע רעזולטאטען.

דיזער צושריפט ווערט איבערגעוויזען צום אפיס, דאס אזעלכע מיטינגען זאלען גערופען ווערען ביי א גינסטיגער געלעגענהייט.

לאקאל 10 שיקט איבער צום דזש. באארד אן אפיל פון דעם „מערפארד טובערקולאזיס סאניטאריום" וועגען פינאנציעלע שטיצע.

דער אפיל ווערט איבערגעוויזען צו דער פינאנץ קאמיטע.

לאקאל 22 שיקט אריין א צושריפט אין וועלכען זיי לאדען איין דעם דזש. באארד צו ערוועהלען א קאמיטע צו העלפען עקזאמענירען זייערע קאנדידאטען און אין דורכפירען זייערע לאקאלע וואהלען, וועלכע דארפען סירצליך אפגעהאלטען ווערען. די עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע וועט מיטען שבת, דעם 3טען נאוועמבער, 11 אזייגער אין דערפריה.

דעלעגאט אשפיז נעמט דאס ווארט און ערקלערט אז די עקז. באארד פון לאקאל 2 האט זיך אריינגעטראכט אין דער פראגע וועגען דער ערוויילונג פון ביזנעס אגענטען, און עס איז זייער מיינונג, אז די קאנדידאטען פאר דיזען אמט פון אירגענד וועלכען לאקאל דארפען עקזאמענירט ווערען פון דעם דזשאינט באארד און ניט פון קיין לאקאלער קאמיטע. לאקאל 2 גיט צו אז די ערוועהלונג פון ביזנעס אגענטען איז דאס אויסשליסליכע רעכט פון יעדען אינדיווידועלען לאקאל, לויט אונזער קאנסטיטוציע, אבער די קאנסטיטוציע זאגט גארניט וועגען דעם ווער עס זאל עקזאמענירען די קאנדידאטען פאר דיזען אמט. אזוי ווי די ביזנעס אגענטען, וועלכע די לאקאלען ערוויילען, שטעהען אין דינסט פון דעם דזשאינט באארד, [illegible]

ווי יושר'דיג אז די פארטרעטער פון אלע דיזע לאקאלען זאלען האבען די דעה איבער די פעהיגקייט פון דיזע קאנדידאטען, און די יעניגע וועלכע ווערען באטראכט אלס פאסענד פאר דיזען אמט זאלען ארויסגעשטעלט ווערען אויפ'ן באלאט. די מיטגלידער פון דעם באטרעפענדען לאקאל קענען דאן מיט זייער ווארט באשטימען ווער פון די פאסענדע קאנדידאטען זאל ערוועהלט ווערען.

דעלעגאט פיינבערג אונטערשטיצט דעלעגאט אשפיז'ס באהויפטונג און ער שלאגט פאר, אז לאקאל 22 זאל אויפגעפאדערט ווערען אפצולייגען זייערע עלעקשאנס פאר א קורצע צייט אום צו געבען דעם דזשאינט באארד א געלעגענהייט גרינדליך זיך אריינצוטראכטען אין דיזער פראגע און אנצונעמען א באשטימטע פאליסי וואס אמבאלאנגט דער ערוועהלונג פון ביזנעס אגענטען.

עס ענטוויקעלט זיך אן ערנסטע דיסקוסיע וועגען דיזער אנגעלעגענהייט, אין וועלכער עס ווערען אויסגעדריקט פארשידענע מיינונגען.

דעלעגאט ראבינאוו מאכט דאן די פאלגענדע ערקלערונג:

לאקאל 22 האט, ביי א מעמבער מיטינג, באשלאסען דורכצופיהרען וואהלען פאר לאקאלע און דזשאינט באארד באאמטע און זיי האבען ערוועהלט אן אבדזשעקשאן און עלעקשאן קאמיטע דורכצופיהרען דיזע וואהלען. דער עקז. באארד איז באאויפטראגט געווארען צו באשטימען דעם טאג אין וועלכען די וואהלען זאלען אפגעהאלטען ווערען. די וואהלען קענען דארום ניט אפגעשטעלט ווערען. די עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע, וועלכע דער לאקאל האט ערוועהלט, האט שוין עקזאמענירט אלע קאנדידאטען, וועלכע לויפען פאר לאקאלע אמטען, אבער ווען עס איז געקומען צו עקזאמענירען די קאנדידאטען פאר ביזנעס אגענטען, האט די קאמיטע באשלאסען איינצולאדען א קאמיטע פון דעם דזשאינט באארד צו העלפען זיי אין עקזאמענירען דיזע קאנדידאטען.. עס בלייבט דארום פאר דעם דזש. באארד צו העלפען זיי אין עקזאמענירען דיזע קאנדידאטען. עס בלייבט דארום פאר דעם דזשאינט באארד ענטוועדער צו ערוויילען אדער ניט צו ערוועהלען אזא קאמיטע.

עס ווערט דאן געמאכט א פארשלאג אנצונעהמען די איינלאדונג פון לאקאל 22 און צו ערוועהלען א קאמיטע צו העלפען זיי עקזאמענירען זייערע קאנדידאטען און דורכפיהרען די וואהלען. דער פארשלאג ווערט אנגענומען און די פאלגענדע קאמיטע ווערט ערוועהלט: לאקאל 10 — מ. ל. גארדאן, לאקאל 35 ל. ריעף, לאקאל 89 ל. גאלאסא.

דער טשערמאן מאכט דאן אויפמערקזאם די דעלעגאטען אויף דער אנוועזענהייט פון עקס-פרעזידענט זיגמאן, און ער פאדערט איהם אויף צו אדרעסירען דעם דזשאינט באארד. דער טשערמאן לויבט דערביי בר. זיגמאן, אלס איינער וועלכער האט מעהרסטען בייגעטראגען צו דעם וואוקס און אנטוויקלונג פון אונזער יוניאן, און וועלכער האט זיך ערווארבען דעם העכסטען כבוד אין דער ארבייטער באוועגונג און וועט פון אונז אימער הויך געשעצט ווערען. מיט דיזער קורצער באמערקונג שטעלט ער פאר בר. זיגמאן און ער ווערט אויפגענומען מיט גרויס אפלאוז.

בר. זיגמאן האלט דאן די פאלגענדע הארציגע אפשידס-רעדע:

איך בין געקומען היינט אווענט צום דזשאינט באארד מיט א ספעציעלען צוועק, און דאס איז צו געזעגענען זיך מיט אייך אלעמען. איך גלויב אז אין דיזען דזשאינט באארד, אזוי גוט ווי אין אונזערע לאקאלען, האב איך זיך ערווארבען דורך די 6 יאהר פון מיין אדמיניסטראציע מעהר פריינד און שונאים ווי אירגענד וועלכער פיהרער פון דער ארבייטער באוועגונג. און אפילו צו מיינע זאגענאנטע „פריינדליכע שונאים" וויל איך זאגען „גוד־באי", ווייל אין א געוויסער צייט האבען זיי געטאן קאנסטרוקטיווע ארביים.

„איך וויל ניט דיסקוטירען אצינד די אורזאכען, וואס האבען מיר באוואוגען צו רעזיגנירען. אונזערע שונאים, די אינערליכע און אויסערליכע, וועלען נאטירליך זוכען אויסצוטייטשען מיין האנדלונג אויף זייער אייגענעם שטייגער, אבער איך האב אנגעגעבען מיינע אורזאכען גרינדליך און גאנץ באשטימט אין מיין אפיציעלע רעזיגנאציע. דאס זיינען מיינע איינציגע אורזאכען און עס איז גארניט קיין אנדערע. דארום [illegible]

(שלוס אויף זייט [illegible])

צוויי רעדעס פון פרעזידענט שלעזינגער

מיר דרוקען דא איבער צוויי רעדעס וואס פרעזידענט שלעזינגער האט לעצטע וואך געהאלטען, איינע ביי דעם מיטינג פון דער באארד און דירעקטארס פון דעם ניו יארקער דזשאינט באארד, צוזאמען מיט די לאקאלע טשערליים, מיטוואך אווענט, דעם 7טען נאוועמבער, און די צווייטע רעדע ביים מיטינג פון דזשאינט באארד גופא, פרייטאג אווענט, 9טען נאוו.

ביים באארד און דירעקטארס מיטינג

„איך האב זיך דערוואוסט פון דיזען מיטינג וועגען דעם אמת'ן צושטאנד פון דער אינדוסטריע און דעם פונקציאנירען פון דעם דזשאינט באארד, מעהר ווי איך געוואוסט די גאנצע צייט, זינט איך האב איבערגענומען די אופזיכט איבער דער ניו יארקער סיטואציע. איין זאך אבער האט זיך מיר ספעציעל איינגעקריצט אין מיין געדאנק, און דאס איז — אז אום איבערצובויען אונזער יוניאן מוזען מיר צווערשט ענדערען אונזער אייגענעם געדאנקען־גאנג. דאס מעג אייך פארקומען ווי א פראזע אדער פילאזאפיע, אבער איך בין ניט געניגט צו שיסען מיט פראזען און אויך ניט צו פילאזאפירען. ווען איך רעד פון ענדערען אונזער געדאנקענגאנג מיין איך דערמיט אז מיר מוזען ביי זיך אפמאכען אז אזוי לאנג ווי מיר וועלען זיך ניט צוזאמענעמען מיט פאראייניגטע כחות וועלען מיר ניט זיין אימשטאנד צו ערדרייכען אונזער ציל.

„מען האט דא גערעדט וועגען פארשיידענע שוועריגקייטען און אויך וועגען דעם וואס דער אדער יענער נעמט ניט ערנסט גענוג זיין אויפגאבע. איהר האט אבער פארפעלט צו באטראכטען איין וויכטיגען פונקט און דאס איז די פינאנציעלע לאגע פון דער יוניאן. איהר מוזט וויסען אז פינאנציעל געפינען מיר זיך אצינד אין אן ערגערער לאגע ווי ווען עס איז פריהער.

„מיט אנדערהאלבען יאהר צוריק, ווען עס האט זיך אנגעפאנגען די רעארגאניזאציע פון דער יוניאן, איז אייך געלונגען צוזאמענצונעמען פון פארשיידענע קוואלען א גרויסע סומע געלט. אצינד האבען מיר קיין געלט ניט. זינט איך בין אריינגעקומען אין דיזער סיטואציע האבען מיר פארברויכט א ביסעל אויף דעם לעצטען רעארגאניזאציאנס דרייוו און אויפצוהאלטען דעם דזשאינט באארד. אצינד אבער זיינען אונזערע פינאנציעלע מיטלען באשרענקט.

„פארביינגעהענדיג וויל איך באמערקען אז דער לעצטער ארגאניזאציאנס דרייוו האט ניט געקאסט קיין סך. איך האב קיינמאל ניט געגלויבט אין דיזען סארט ארגאניזאציאנס דרייווס. איך האב אלעמאל געגלויבט אז אום צו קריגען באדייטענדע רעזולטאטען פון אן ארגאניזאציאנס דרייוו, מוז עס גענומען ווערען אויף א גרויסען מאסשטאב, אזוי אז עס זאל אויפטרייסלען די גאנצע אינדוסטריע. ווען ניט, איז גלייכער גארניט אונטערנעמען. איך האב אבער צוגעשטימט אונטערצונעמען דעם לעצטען דרייוו, ווייל ברודער זיגמאן און אייניגע באאמטע האבען מיר איבערציינט אז דיזער שריט איז געווען אבסאלוט נויטוועדיג צו יענער צייט. קיינער אבער פון אונז האט ניט ערווארטעט קיין באדייטענדע רעזולטאטען.

„אצינד, רעדענדיג וועגען דער פינאנציעלער לאגע, מוזט איהר האבען אין זינען אז קיין אנדער קוואל פון איינגאמע אחוץ דעם וואס די מיטגלידער צאהלען דיום האבען מיר איצט ניט, און דאס טרעפט אן ניט קיין גרויסע סומע ביי דער יעצטיגער צייט. דארום, אויב מיר ווילען עפעס אויפטאן ביז דעם מאנאט דזשון, מוזען מיר זיך צוזאמענעמען מיט אלע אונזערע כחות אויף אזא אופן אז דאס זאל מאכען מעגליך פאר דער יוניאן צו עקזיסטירען און צוגרייטען זיך צו דעם אומפארמיידליכען קאמף וואס ערווארטעט אונז דעם קומענדען דזשון. מיר מוזען דארום זיך ערנסט פארטראכטען וועגען די נויטיגע פארברייטונגען.

„דער ערפאלג פון אונזער ערבערונג אין דעם יאהר 1910 איז באשטאנען אין דעם וואס עס איז אונז דאן געלונגען אפצושטעלען די גאנצע אינדוסטריע און אריינברענגען איהר אלס א גאנצע אונטער דער יוניאן'ס קאנטראל. וואלט דאן אונזער אגרימענט ניט איינגעשלאסען די אינדוסטריע אלס א גאנצע, וואלט די יוניאן לאנג ניט עקזיסטירט — העכסטענס עטליכע מאנאט. דארום מוזען מיר האבען אין זינען אז אונזער יעצטיגע האפנונג אויף אפצושטעלען די אינדוסטריע מוז זיך באציהען אויף דער אינדוסטריע אלס א גאנצע און ניט בלויז אויף א טייל פון דער אינדוסטריע. אויב אונז זאל ניט געלינגען אפצושטעלען די גאנצע אינדוסטריע און איינשטעלען די יוניאן באדינגונגען, וועט די יוניאן ניט קענען עקזיסטירען.

„איך זאג דארום נאכאמאל, אז אום דאס דורכצופיהרען מוזען מיר האבען אבסאלוטע איינינקייט אין אונזערע רייהען. איך פיהל זיכער און בין איבערציינט אז עס וועט אונז געלינגען אפצושטעלען די גאנצע אינדוסטריע, ווען מיר וועלען זיך נעמען צו דער ארבייט מיט פאראייניגטע כחות. ווען מיר זאלען זיך גלייך נעמען צו דער ארבייט און אוועקלעגען פאליטיק אן א זייט, וועט אונז געלינגען איבערצובויען די יוניאן. אום אבער דאס צו ערייכען מוזען מיר זיך צוגעוואוינען צו דעם געדאנק פון ארבייטען אין פאלקאמענער הארמאניע. אלע פיינדליכע געפיהלען וואס האבען געהערשט צווישען אונז ביז יעצט מוזען אפגעמעקט און פארניכטעט ווערען און דערמיט וועט געלעגט ווערען דער פונדאמענט פאר א שטארקער און מעכטיגער יוניאן".

בר. שלעזינגער'ס באמערקונגען מאכען א טיפען איינדרוק אויף אלע פארזאמעלטע און יעדער איינער פיהלט אז א נייע עפאכע איז אריינגעטראטען אין דעם לעבען פון דער יוניאן.

ביים דזשאינט באארד מיטינג

„איך בין איבערראשט פון די באגייסטערענדע באגריסונגען און סענטימענטען וועלכע זיינען אויסגעדריקט געווארען פון אייערע לאקאלען. אייער ווארימע אויפנאמע האט ערוועקט מיינע סענטימענטען אויף אזוי פיל אז עס איז פאר מיר פאקטיש אוממעגליך צו האלטען א רעדע. איך וועל מיך דארום באגרעניצען מיט בלויז אויסדריקען מיינע סענטימענטען און איך האף אז איהר וועט אננעמען מיין הארצליכען אויסדרוק.

„איך וויל ערשטענס באדאנקען לאקאל 35 פאר זייער ווירדיגער מתנה, ניט אזוי פיל פאר די ווערטפולע בלומען ווי פאר דעם סענטימענט וועלכער איז אויסגעדריקט דורך זיי. איך נעם עס אן אלס באווייז אז דיזער לאקאל איז גרייט צו שטיצען מיר אין מיין ארבייט און דאס איז זעהר באפרידיגענד. דאס זעלבע וויל איך זאגען צו די אנדערע לאקאלען.

„איך בין געווען אנוועזענד ביי דעם באארד און דירעקטארס מיטינג און איך בין זעהר צופרידען מיט דעם אויסגאנג. דער צוועק פון דיזען מיטינג איז געווען אויסצוהערען אלעמענס מיינונגען איבער דער יעצטיגער לאגע און אריינצוברענגען א פארשטענדיגונג צווישען אונזערע אפיסערס. אין דיזער הינזיכט איז דער מיטינג געווען אן ערפאלג.

„איך וויל אויך באמערקען אז אייערע דזשאינט באארד מיטינגען זיינען ניט אזוי אינטערעסאנט יעצט ווי זיי זיינען געווען אמאל. איך געדענק די צייט ווען אייער דזשאינט באארד איז געווען א רעגעלער פארלאמענט און אייערע מיטינגען פלעגען אנהאלטען דעם גאנצען נאכמיטאג און אווענט. אצינד האלטען אייערע מיטינגען ניט אן מעהר ווי א פאר שטונדען. דאס באווייזט אז עס פעלט אייך אקטיוויטעט. איך גלויב אבער אז אזוי שנעל ווי איהר וועט זיך נעמען ענערגיש צו דער ארבייט וועט אייער גייסט אויפלעבען און אייערע מיטינגען וועלען צוריקקריגען דעם אמאליגען אינטערעס.

„ווי איך ווייסט, בין איך איצט אייער פרעזידענט, אבער דאס וועט ניט ענדערען מיין אקטיוויטעט. איך בין פונקט אזוי געווען פאראינטערעסירט אין אייער טעטיגקייט און אויפגאבען איידער איך בין געווארען אייער פרעזידענט ווי איך בין עס היינט צו טאג. דער איינציגער אונטערשייד איז וואס פריהער האב איך געהאט דעם אויפזיכט בלויז איבער דעם ניו יארקער מארקעט, וועהרענד איצט האב איך דעם אויפזיכט איבער דער גאנצער אינטערנעשאנאל. דאס מאכט מיין אויפגאבע באדייטענד שווערער. איך וועל זיך אבער אפגעבען צו אייערע פראבלעמען מיט דער זעלבער ענערגיע און איבערגעבענהייט ווי איך האב עס געטאן ביז יעצט.

„איך ווייס אז איך בין ניט באליבט ביי געוויסע מענשען, אבער איך באטראכט זיי ניט פאר קיין שונאים. מענשען האבען א רעכט מיר ניט צו גלייכען. דאס מיינט אבער ניט אז צוליב דעם קענען מיר ניט ארבייטען הארמאניש. איך ערווארט ניט צו שאפען זיך שונאים פונקט ווי איך וועל ניט בעטען קיינעמס פריינדשאפט. איך בין אבער בארייט אפצוגעבען זיך צו מיין ארבייט מיט מיין גאנצער ענערגיע, און איך וועל ערווארטען דאס זעלבע פון יעדען איינעם פון אייך.

„אונזער ארגאניזאציע האט אצינד ערדרייכט איהר קריזיס, אבער איך גלויב אז מיר וועלען דעם קריזיס איבערקומען, און ווען דאס וועט געלינגען, וועט די

(שלוס אויף זייט 4)

קליוולענדער דזשאינט באארד באנייט אגרימענט פאר'ן קומענדיגען יאהר

(שלוס פון זייט 1)

רימענט פארמאגט צוויי פונקטען, וואס עס האט קיין שום קלאוק מארקעט, נעמ־ליך, די גאראנטירטע 40 וואכען ארבייט אין יאהר און איין פראצענטיגען אר־בייטסלאזען פאנד פאר די ארבייטער פון די אויטסייד שעפער און פאר אזעלכע ארבייטער וואס זיינען ארבייטסלאז.

אין ערשטען אגרימענט פון יאהר 1919 איז איננאנצען נישט געווען קיין פונקט וועגען פראוויזיע פאר ארבייטס־לאזע גאראנטיע, נאר ווען עס איז אין יאהר 1920 געקומען די נעדריקטע לאגע אין דער אינדוסטריע, האבען די בא־לעבאטים אנגעהויבען צו פאדערען א רעדוקציע פון ארבייטס־לוין. די יוניאן, פארשטעהט זיך, האט ענטשידען צוריק־געוויזען דיזען פארלאנג. די באארד און רעפעריס האט אבער פארגעשלאגען צו דיסקוטירען די דאזיגע פראגע אויפ'ן גרונד, אז מען זאל די מאנופעקטשורערס דערלויבען צו רעדוצירען די וויידזשעס, און די ארבייטער זאלען דערפאר באקו־מען א ארבייטס־גאראנטיע. זינט דע־מאלט האט די יוניאן צוויי מאל גע־פאדערט און אויך געקראגען גרעסערע וויידזשעס, און דאס האט געבראכט צו דעם העכסטען סקייל פון וויידזשעס אין דער קליוולענדער אינדוסטריע, וועלכער האט נאך איבערטראפען דעם וויידזשעס סקייל פון 1919, דאס יאהר, ווען די וויידזשעס האבען דערגרייכט זייער העכ־סטע מדרגה אין גאנצען קלאוק און דרעס מארקעט פון אמעריקא.

די ארבייטס־גאראנטיע איז פאר די קליוולענדער ארבייטער פון גרויס וויכ־טיגקייט. דער פרינציפ דערפון איז, אז דער ארבייטער זאל האבען גאראנטירט פולע 40 וואכען ארבייט א יאהר, אדער ער זאל באקומען אנטשעדיגונג פאר דער צייט וואס ער ארבייט נים.

דער פלאן האט א לאנגע צייט אויס־געצייכענט פונקציאנירט אין אונזער מארקעט, די אומצופרידענהייט איז ערשט ענטשטאנען דורך דעם פאקט, וואס פון דעם פלאן האבען בלויז אין פולען פראפיטירט די ארבייטער אין די אינסייד שעפער, וועלכע האבען טאקע באקומען 40 וואכען ארבייט אדער אנט־שעדיגונג פאר דער צייט אהן ארבייט. די ארבייטער, וואס זיינען געבליבען אהן דזשאבס אדער וואס האבען געארבייט ביי אויטסייד קאנטראקטארס, האבען ווי־ניג וואס דערפון פראפיטירט. די יוניאן האט דעריבער יאהרען לאנג געקעמפט דערפאר אז אויך די ארבייטער, וואס זיינען געבליבען אהן ארבייט אדער וואס ארבייטען ביי אויטסייד קאנטראקטארס, זאלען אויך קאנען פול פראפיטירען פון אגרימענט. אין 1928 איז עס ענדליך דער יוניאן געלונגען צו פארברייטערען דעם אגרימענט, די מאנופעקטשורערס האבען אבער אנדערש נישט געוואלט, אז דער פונקט פון 1 פראצענט פון וויידזשעס וואס דארף געהן פאר דעם אינשורענס פאנד, זאל בלויז זיין פרא־וויזאריש פאר'ן יאהר 1928, און זאל נישט אריינגעשטעלט ווערען אין דעם אגרימענט.

דערפון איז קלאר, אז ווען עס איז היינטיגען יאהר געקומען צו באנייען דעם אגרימענט, האבען מיר אויך גע־מוזט טראכטען וועגען באנייען דעם דא־זיגען פראוויזארישען פאנד. פאר דער קאמיטע איז געווען פון אנהויב אן קלאר, אז אהן דעם פראוויזשאן פונקט טאר די יוניאן דעם אגרימענט נים צייכענען, ווייל זי מוז זארגען פאר אלע מיטגלי־דער. עס האט פונקט געטראפען, אז ווען די קאמיטע האט געפיהרט די פאר־האנדלונגען, זיינען דריי מאנופעקטשו־רערס ארויס פון ביזנעס, און דאס האט פאראורזאכט געוויסע שוועריגקייטען ביי די קאנפערענצען. עס זיינען געווען מא־מענטען, ווען די אויסזיכטע זיינען גע־ווען נים נאר קיין פריילאכע פאר א נייעם אגרימענט. א דאנק אבער דער ענטשלאסענהייט פון אונזער קאמיטע און פון די פיהרער פון דער יוניאן אין אלגעמיין, זיינען מיר אימשטאנד אייך איצט אנצוזאגען די פריילאכע בשורה, אז דער אגרימענט פאר 1929 איז בא־נייט געווארען מיט אלע פונקטען וואס דער אגרימענט פון 1928 האט ענט־האלטען.

די פארהאנדלונגען מיט די באלעבא־טים זיינען אנגעפיהרט געווארען דורך ברודער לואי פרענד, דער טשערמאן פון אונזער דזשאינט באארד; ברודער קא־טאפסקי, אונזער ביזנעס אייזשענט, צו־זאמען מיט דער פאלגענדער קאמיטע: נ. סאלאמאן, י. סילווערשטיין, טילי שווארץ, סעם טורק, סעם נארדאן, פראנק כאלופקא, דזשאו מאגיסטרא, פראנק לי־בערטי און טשארלס קריינדלער.

דעם שענסטען באוויז אז די מיט־גלידער פון אונזער יוניאן זיינען העכסט צופרידען מיט דעם אויסגאנג פון די פארהאנדלונגען, קען מען זעהן דערפון, וואס ביים לעצטען מיטינג פון דזשאינט באארד, דאנערשטאג, דעם 8טען נאוועמ־בער, איז באשלאסען געווארען איינשטי־מיג צו דאנקען הערצליך די אגרימענט קאמיטע צוזאמען מיט אלע באאמטע פאר דער אויסגעצייכענטער ארבייט, וואס זיי האבען אויפגעטאן.

עס איז אויך באשלאסען געווארען צו אראנזשירען א ספעציעלען שמחה־אווענט צו פייערען די באנייאונג פון דעם אגרימענט און איינצולאדען צו די־זער פייערונג די הויפט באאמטע פון דער יוניאן, ספעציעל פרעזידענט שלע־זינגער. מיר פיהלען אלע אז מיר הא־בען דורכגעמאכט א שווערען קריזיס, און מיר זיינען ארויס מיט א גוטען רע־זולטאט. פון היינט אן וועלען מיר קע־נען מיט א גרינגערען געמיט טאן ווייטערע גוטע ארבייט פאר אונזערע איי־גענע מיטגלידער און פאר דער מיטגלי־דערשאפט פון אונזער אינטערנעשאנאל בכלל.

פרעז. שלעזינגער'ס קאנפערענצען מיט אלע עקז. לאקאלען רופען ארויס ברייטען אינטערעס

(שלוס פון זייט 1)

מיטינגען וואס די עקזעקוטיווע פון דער אפערייטארס ארגאניזאציע האט ווען עס איז אפגעהאלטען. עס איז זעלבסטפאר־שטענדליך, אז לאקאל 2 איז מעהר פון אלע לאקאלען פאראינטערעסירט אין דעם באשלוס פון דער קאנווענשאן־קאמיטע וועגען א לאקאל פאר די ריפער מייקערס. בר. שלעזינגער'ס באזוך ביי דיזען לא־קאל, די ברידערליכע בעראטונג זיינע מיט דער עקזעקוטיווע פון די אפעריי־טארס און זיין אופן פון דערקלערען און איבערצייגען און צום סוף די דערצילטע איינשטימיגקייט פון דער עקזעקוטיוו באארד מיט פרעז. שלעזינגער'ס פלענער און יוניאן פאליסים פאר דער נאהענטער צוקונפט, האבען געליפערט דעם בעסטען באוויז אז אבוואהל אין אונזערע רייהען זיינען פאראן א ביסעל מיספארשטענד־ניסע זיינען אבער אלע פעסט איינשטי־מיג פאר א נויטווענדיגקייט צו בויען און צו שטארקען די יוניאן מיט אלע קרעפ־טען, און טאקע גלייך צו נעמען זיך פאר דער ארבייט. דער מיטינג האט געדויערט אריבער פיר שטונדען, און אלע אנווע־זענדע האבען מיט גרויסען אינטערעס נאכגעפאלגט פרעז. שלעזינגער'ס פארגע־שלאגענע אקציאנס פלענער פאר דעם קו־מענדיגען סיזאן און אויך זיינע געדאנ־קען מכח די נויטיגע שריטע וואס די יונ־יאן דארף גלייך נעמען צוזאפסען א פרא־גראם פאר די קאנפערענצען מיט די קלאוק באלעבאטים וועגען די באנייאונג פון די אלגעמיינע אגרימענטס אין עט־ליכע מאנאטען ארום.

אויב דער מיטינג מיט דעם עקזעקו־טיוו פון לאקאל 2 איז געווען אינטערע־סאנט און קאנסטרוקטיוו, איז דער מי־טינג פון פרעסערס לאקאל געווען ווידער שעהן און הארציג. בר. שלעזינגער איז דא עמפאנגען געווארען מיט ווארימקייט און געטראפען א גרעסערע איינשטימיג־קייט און סאלידאריטעט און, צווייטענס, איז ער פון די באריכטען אויך געוואר געווארען, אז דער פרעסערס לאקאל פאר־מאגט 70 פראצענט גוטשטעהענדע מעמ־בערס. פארזיכערט פון אלעמען אין לא־קאל, און הויפטזעכליך מצד דעם לאקאל־מענעדזשער, וויים פרעזידענט ברעסלאו, אז די פרעסערס וועלען איהם געבען פולע הילף אין זיין גרויסער און שווערער אויפ־גאבע, האט פרעז. שלעזינגער א צופרי־דענער זיך געזעגענט מיט די מיטגלידער פון לאקאל 35.

נאך א גרויסען מיטינג האט בר. שלע־זינגער געהאט דינסטאג אווענט מיט דער עקזעקוטיווע פון לאקאל 9, די פינישערס, א מיטינג, וואס האט זיך פארצויגען ביז שפעט אין דער נאכט אריין. פרעז. שלעזינגער האט פארלאזען דיזען מיטינג מיט דער העכסטער צופרידענהייט נאכ־דעם ווי די עקזעקוטיווע פון די שניידער האט אויך אן אלזייטיגען אופן ארומגע־רעדט די אינדוסטריעלע פראגען וואס זיינען פאר דער יוניאן איצט פון דער גרעסטער וויכטיגקייט און זיי האבען זיך אלע איינשטימיג אויסגעשפראכען צו גונ־סטען דער פראגראם פון טעטיגקייט וואס ער האט פאר זיי פארגעבראכט.

די מיטינגען פון לאקאל 10 און פון די קליינע לאקאלען זיינען פארגעקומען צו שפעט אין דער וואך און מיר וועלען וועגען זיי באריכטען ביי אן אנדער גע־לעגענהייט.

וויכטיגע בעראטונג פון לאקאלע פיהרער וועגען דער יוניאנ'ס אויפגאבען

(שלוס פון זייט 1)

נאהענטער צוקונפט געטאן ווערען, אז די עקזיסטענץ פון דער יוניאן זאל פארזי־כערט ווערען. ברודער שלעזינגער האט פון אלע יוניאן פיהרער פארלאנגט, אז „איידער זיי טרעטען צו צו דער רעקאנ־סטרוקשאן פון דער יוניאן, מוזען זיי פריהער ריקאנסטרואקטען זייערע איינע־נע געדאנקען וועגען דער יוניאן און איהרע דרינגענדע אויפגאבען".

„פון דעם אלעם וואס איך האב זיך אנגעזעהען אין די לעצטע עטליכע חדשים, און פון דעם ערנסטען און זאכ־ליכען באריכט, וואס איך האב פון אייך היינט אווענט געהערט, ווייס איך צו גוט, אז דער צושטאנד פון דער יוניאן און פון די טויזענדער קלאוקמאכער איז מעהר ווי ערנסט און אז עטוואס וויכ־טיגעס מוז געטהאן ווערען. און איך בין איבערצייגט, — האט פרעזידענט שלע־זינגער ווייטער ערקלערט, — אז מיר פארמאגען די כוחות און די נויטיגע מענשען, מיט וועלכע מען קען דיזע ערנ־סטע לאגע באגעגענען; דער ערפאלג איז בלויז אפהענגיג פון אונזער איינינ־קייט און געשלאסענקייט אין איצטיגען מאמענט און פון דעם ווילען פון די קלאוק און דרעסמאכער".

מיט א ווארימען אפיל פאר איי־ניגקייט און ענערגישע טעטיגקייט האט פרעזידענט שלעזינגער שפעט אין דער נאכט פארענדיגט זיין אינטערעסאנטע רעדע.

נאכדעם ווי פרעזידענט שלעזינגער וועט האבען פארענדיגט זיינע קאנפע־רענצען מיט אלע לאקאל עקזעקוטיווס, וועט פארקומען א צווייטע בעראטונג מיט די מענעדזשערס און לאקאלע פיה־רער אויסצוארבייטען א טעטיגקייטס־פלאן פאר באלדיגע יוניאן טעטיגקייט.

באסטאנער קאמיטע באריכטעט וועגען דער דארטיגער לאגע

די וויים־פרעזידענטען, בר. נינפא און ברעסלאוו, וועלכע האבען לעצטע וואך פארבראכט א פאר טעג אין באסטאן אין די אינטערעסען פון דער אינטערנעשאנאל אלס קאמיטע צו אונטערזוכען די לאגע פון באסטאנער מארקעט און דעם צו־שטאנד פון דער יוניאן, זיינען צוריקגע־קומען און איבערגעגעבען א באריכט צו פרעז. שלעזינגער וועגען דער פארפלאנ־טערטער ארגאניזאציאנעלער לאגע אין יענער שטאדט.

נאכדעם ווי ער האט גרינדליך אויס־געהערט דעם באריכט פון דער קאמיטע האט פרעז. שלעזינגער באשלאסען צו ווידמען זיין צייט און פערזענליכע מיט־הילף צו די באסטאנער לאקאלען אזוי שנעל ווי ער וועט נאר צוריקקומען פון דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פע־דערעישאן אוו לייבאר.

בר. זיגמאן זעגענט זיך מיט די מעמבערס פון לאקאל 2

דינסטאג אווענט, דעם 6טען נא־וועמבער, האט עקס־פרעזידענט מאריס זיגמאן זיך געזעגענט מיט דער מעמבער־שיפ פון לאקאל צוויי אויף א גרויסען מיטינג, אין ברייענט האל, אין וועלכען עס האבען זיך באטייליגט קרוב 500 מיטגלידער.

אזא גרויסע צאהל אנוועזענדע אויף א געוויינליכען מעמבער מיטינג איז צו צושרייבען דעם פאקט, וואס דער עקזע־קוטיוו פון לאקאל האט אנאנסירט אז ברודער מאריס זיגמאן, דער געוועזענער פרעזידענט פון דער יוניאן, וועט האבען א געלעגענהייט זיך צו געזעגענען מיט דער רענק און פייל פון אפערייטארס לאקאל. גלייך נאך דער ערעפענונג פון מיטינג האט דער טשערמאן פון לאקאל, ברודער וואכטעל, אין ווארימע ווערטער פארגעשטעלט בר. זיגמאן, און דער גרוי־סער עולם האט באגעגענט זיין רעדע מיט אויפריכטיגער באגייסטערונג. ברודער זיגמאן האט אויף א ווארימען אופן זיך געזעגענט מיט דער רענק און פאיל און אלע האבען זיך געגענזייטיג געוואונשען א הארציגען זייי־געזונט.

נאך דער געזעגענונגס־רעדע, אין וועלכער ברודער זיגמאן האט אפעלירט פאר איינינקייט אין קאמף פאר א גרוי־סער און שטארקער יוניאן, האט דער מי־טינג ערלעדיגט זיינע „רוטינע ביזנעס".

גרויסער יוניטי רי־יוניאן באל אין מאנהעטען אפערא

שבת, דעם 2טען פעברואר, 1929, אין מאנהעטען אפערא הויז. — רייכער און גרויסער פראגראם מיט דער באטייליגונג פון דער פיקאדילי פלייערס קאמפאניע.

א ענערגישע און אקטיווע קאמיטע האט זיך האי־יאהר גענומען ארגאנזשירען די שעהנע יעהרליכע יוניטי־רעיוניאן טאנץ־אונטערנעמונג, שבת דעם צווייטען פעברואר, אין דער מאנהעטען אפערא־הויז.

אויפ'ן פארלאנג פון דער עדיוקיישא־נעל קאמיטע, האט יעדער לאקאל דעלע־גירט דריי מעמבערס צו דער אראנדזש־מענטס קאמיטע, און דאס ברענגט די לאקאלס אין דירעקטער פארבינדונג מיט דער אונטערנעמונג.

מיטגלידער פון אונזער יוניאן, וואס ווילען זיך באטייליגען אין דער אראנזש־מענט קאמיטע, וועלען מיט דאנקבאר־קייט אויפגענומען ווערען. זיי קענען זיך מעלדען אין עדיוקיישאנעל אפיס, 3 וועסט 16טע סטריט, און העלפען מא־כען די רעיוניאן פא.״ אן ערפאלג.

ווייטערע מיטטיילונגען וועלען קומען אין די קומענדיגע נומערען „גערעכטיג־קייט". דערווייל פארגעסט נים, אז דעם צווייטען פעברואר מוזט איהר האל־טען פריי פאר דער טראדיציאנעלער יוניטי רעיוניאן, אין הערליכען טאנץ־האל פון מאנהעטען אפערא הויז.

געזונט אונטערזוכונג

בלוט, נערוועז, הויט, לונגען, מא־גען און אנד. קראנקהייטען געהיילט

טויזענטער מענער און פרויען זיינען דורך מיר געזונט געווארען

עקס־רעי און בלוט עקזאמינישאנס

מעסיגע פרייזען

בעראטונג פריי

DR. ZINS

ספעציאליסט פאר די לעצטע 23 יאהר

110 EAST 16th ST. N. Y.

צווישען אירווינג פלייס און יוניאן סק.

יעדען טאג פון 9 פריה ביז 8 אווענט

זונטאג — פון 9 ביז 4 [illegible]

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Journal

Published every other Friday by the Int'l Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication: 76 MONTGOMERY ST., Jersey City, N. J.

General Office: 3 W. 16th ST., NEW YORK, N. Y. Tel. Chelsea 2148

BENJ. SCHLESINGER, President — A. BAROFF, Secretary-Treasurer

MAX D. DANISH, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. X. No. 34. — Friday, November 16, 1928

Entered as Second Class matter, Aug. 7, 1928 at Postoffice at Jersey City, N. J. under the Act of August 24, 1912

Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

בריעף — שטימען — מיינונגען

וועגען יוניאן- און טרייד-פראגען

א בריף צו פרעזידענט שלעזינגער

ווערטער ברודער שלעזינגער:

אלס אקטיווער מעמבער פון אונזער יוניאן, קום איך אייך הערצליך באגריסען צו אייער אויסדערוועהלונג פאר פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

מיט דעם אליין וואס איהר האט דיזע נאמינאציע אנגענומען וויסענדיג די איצטיגע לאגע אין וועלכער אונזער יוניאן געפינט זיך, באווייזט איהר דאס עס איז דא א האפנונג און א מעגליכקייט דאס די אלגעמיינע לאגע זאל זיך ראדיקאל ענדערען צום גונסטען פון אונזער ארגאניזאציע אויף צו להכעיס אלע אונזערע שונאים.

און מעהר ווי אלע מאל בין איך זיכער, דאס די פיהרער פון דער ניו יארקער דזשאינט באארד, וועלכע האבען אייך געוואלט פאר פרעזידענט נאך ביי דער באסטאנער קאנווענשאן, וועלען אייך יעצט געבען זייער פאלשטענדיגען סופארט און קאאפעראציע צו שטיצען אייערע פאליסים אזוי ווייט, דאס עס זאל מעגליך זיין צו ברענגען אונזער ארגאניזאציע צו איהר פריהערדיגען פראכט און גלאנץ. ווארים אויב ניט יעצט, ווען זשע דען?

טייערער ברודער שלעזינגער! איך האב געלייענט אייער סטייטמענט שוין נאכדעם ווי איהר זייט ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, און אויב איך מאך קיין מיסטייק ניט ווערט ארויסגעבראכט פאלגענדער געדאנק: דאס אייער יעצטיגע אויפגאבע איז צו זעהן א פאראייניגטע יוניאן מיט מעהר הארמאניע און בעסערע באציאונגען צווישען די מעמבערס; אפסטאפען די צוויסטיגקייטען און רייסעריי און מיט פאראייניגטע קרעפטען אלע צוזאמען בויען א שטארקע און מעכטיגע יוניאן פאר די קלאוק און דרעסמייקערס.

דיזע פאליסי איז, נאך מיין מיינונג, די בעסטע און די וויכטיגסטע ביי דעם יעצטיגען מאמענט.

איך בין מעהר ווי זיכער, דאס נאכדעם ווי די כאוויירים האבען אונז פארראטען און האבען געגרינדעט א סקעב-אפאזישאן יוניאן, איז מיט זיי א פאראייניגונג פשוט אונמעגליך. איז דאס איינציגע וואס בלייבט איבער צו טאן איז צו פאראייניגען אונזערע אייגענע קרעפטען און אונזערע אייגענע רייהען.

אויב איך האב ריכטיג פארשטאנען אייער שטעלונג, ווייל איך ביי דיזער געלעגנהייט זאגען א פאר ווערטער פאר'ן וואהל און בעסטען פון דער אלגעמיינער לאגע אין אונזער יוניאן.

ווערטער פרעזידענט! ס'איז נאך קיינמאל אין דער געשיכטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן ניט געווען אזא נויטווענדיגקייט פאר פאראייניגטע קרעפטען ווי מיר דארפען דאס האבען יעצט! ווייל גראדע אין דיזען מאמענט, ווען עס שטעהען בעפאר אונז אזעלכע אויסערגעוועהנליכע פאסירונגען וואס דארפען באשטימען און פארזיגלען דעם שיקזאל פון אונזער ארגאניזאציע — גראדע יעצט זיינען מיר פאר די אלגעמיינע און לאקאלע עלעקשאנס פאר באאמטע אין אונזער יוניאן — און אזוי ווי עס איז באוואוסט פאר יעדען איינעם, דאס יעדער לאקאל האט זיך זיינע פאטריאטען און יעדער פאטריאט וויל זיך האבען אן אייגענע יוניאן פאר זיך, זיין מענעדזשער, זיין טשערמאן, אלץ נאך זיין געשמאק; און אזוי ווי קיין פאטריאטען פעהלען אונז א דאנק גאט קיינמאל ניט, — ווערען פארמירט פארשיידענע גרופען מיט פארשיידענע אמביציעס און פארשיידענע אישיום, וויכטיגע און ניט וויכטיגע, און אזוי ארום פאנגט זיך אן דער קאמפיין! און אז מען פאנגט אן צו קאמפיינעווען מיט פארשיידענע ליפלעטס, סוירקולארס און סליימס, מאכט עס נאך די לאגע מעהר פארפלאנטערט און דעמאראליזירט.

און אז עס זיינען פאראן „אישוס" אין איין לאקאל, זיינען זיי דאך מסתמא פאראן אויך אין אנדערע לאקאלען.

און וואס איז דער רעזולטאט פון דעם אלעמען? אויף דעם פלאץ וואס מיר דארפען זיין פאראייניגט, ווערען מיר נאך דערווייטערט; אנשטאט צו ווערען שטארקער, ווערען מיר שוואכער, און דאס שטערט דעם גאנג פון פראגרעס פון דער יוניאן.

ברודער שלעזינגער! איהר זייט איינשטימיג ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, און איהר זייט יעצט פאקטיש דער בעל-הבית איבער [illegible] און איהר זייט [illegible] אנטווארטליך פאר אלעס וואס וועט דארפען פאסירען אין דער צוקונפט. און אויב איהר ווילט האבען א מעגליכקייט דורכצופיהרען אייערע פאליסים אומגעשטערט, דארפט איהר געפינען וועגען ווי אזוי א סך ניט קיין אנגענעמע זאכען זאלען פארמידען ווערען. און איך דענק, אז איהר אלס פרעזידענט, מיט דער הילף פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, דארפט אויסנוצען אייער איינפלוס און איבערצייגען יעדען אקטיווען טוער און פארשטעהער פון די פארשיידענע גרופען אין די פארשיידענע לאקאלען בעפאר די עלעקשאנס, אז זיי זאלען ביי היינטיגע עלעקשאנס סאקריפייסען זייערע פערזענליכע און פאליטישע אמביציעס און זייער לאקאלען פאטריאטיזם און דורכפיהרען זייער קאמפיין אויף אן ערנסט-דעמאקראטישען שטייגער, אהן צירקולארס, אהן ליפלעטס און אהן סליימס, נאר געבען דער ברייטער מעמבערשיפ א פרייע האנט צו נאמינירען און צו עלעקטען די פעהיגסטע און די ערהליכסטע מענשען פאר באאמטע, עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער, טשערמאן און מענעדזשערס.

אויב איהר זאלט דאס קענען באוויזען דורכצופיהרען, גלויב איך אז די פאליסי פון פאראייניגונג איז א געזיכערטע, און מיר אלע צוזאמען וועלען בויען א שטארקע און מעכטיגע יוניאן.

לעבען זאל די אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן! לעבען זאל די גאנצע ארבייטער-באוועגונג!

מיט ברודער גרוס,
מאקס קיפנים.

איז די שטימע פון פאלק טאקע אימער די שטימע פון גאט?

פון עמיל קאליש.
מעמבער לאקאל 3

דאס איז געווען אויף דער צוועלפטער וואך פון דעם דזשענעראל סטרייק אין 1916.

ווער עס האט געהאט עטליכע הונדערט דאלאר, ווען מען איז ארויס אין סטרייק, האט שוין געהאט זיי אויפגעגעסען, און ווער עס האט קיין געלט ניט געהאט ווען מען איז ארויס אין סטרייק, האט געליהען און האט זיך פארשולדיגט און ער האט שוין ניט געהאט ביי וועמען צו לייען. און דאס פאלק האט שוין אנגעפאנגען צו ווערען פארצווייפעלט, און, ווי דער שטייגער איז, ווען מענשען זיינען פארצווייפעלט, כאפען זיי זיך אן אן יעדער נארישקייט. זיי דענקען אז דאס וועט זיי העלפען; און דאן איז די בעסטע צייט פאר אנציהערס, דעמאגאגען און שארלאטאנעס צו פראווען זייערע שטיק.

אין יענער צייט זיינען צו מיר געקומען עטליכע אנציהערס פון שאפ (איך בין געווען דער טשערמאן) און זיי האבען מיר פארגעלייגט א פלאן ווי אזוי מיר קענען צווינגען אונזער באס צו סעטלען דעם סטרייק. דער פלאן זייערער איז געווען, אז מיר זאלען ארונטערנעמען דעם דעזיינער מיט'ן פארמאן פון שאפ.

מיר מיט נאך עטליכע אקטיווע לייטע פון שאפ איז דער פלאן ניט געפעלען, און מיר האבען זיי געזאגט, אז דער באס וועט אליין מיט דער יוניאן קיינמאל ניט סעטלען, ווייל ער באלאנגט צו דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן און ער איז דארט אן אנגעזעהענער מעמבער, און אז מיט דעם וואס מיר וועלען זיי ארונטערנעמען, וועלען מיר בלויז סייפען דעם באס די ווידזשעס וואס ער דארף זיי צאהלען, ווייל זיי האבען מיט איהם קאנטראקטען.

דעם ענטפער וואס מיר האבען זיי געגעבען איז זיי ניט געפעלען געווארען און זיי זיינען אוועק און האבען אנגעצייגט דאס פאלק, דאס הייסט די לייטע פון שאפ, אז דער פארמאן מיט דעם דעזיינער ארבייטען. זייערע באווייזע זיינען געווען, אז, ערשטענס, קען מען זיי יעדען טאג אין שאפ; צווייטענס, אז איינמאל, ווען זיי זיינען ארונטער עסען דינער, איז ביים דעזיינער געבליבען א ווייסע קאטען אויף די הויזען. און ביי א מיטינג האט מען געמאכט א פארשלאג, און עס איז אונטערשטיצט געווארען, אז מען זאל זיי ארונטערנעמען. איך און נאך עטליכע לייטע, וואס האבען געהאלטען מיט מיר, האבען געטריט איבערצייגען דאס פאלק, אז מען דארף זיי ניט ארונטערנעמען. אויף זייערע ארגומענטען האבען מיר אנגעגעבען אונזערע ארגומענטען, אז דאס וואס זיי קומען יעדען טאג אין שאפ איז ווייל זיי האבען קאנטראקטען און זיי קריגען געצאהלט, מוזען זיי קומען אין שאפ; אויך דעם ווייסען קאטען, וואס איז געלעגען ביים דעזיינער אויף די הויזען, איז ווייל ער מאכט מאדעלס און דאס מעג ער מאכען. אויך האבען מיר זיי אויפגעוויזען, אז ביים ארונטערנעמען קען נאך אמאל פארקומען א געשלעג און ארעסטען, און עס לוינט ניט די גאנצע זאך. נאר אונזערע רייד זיינען געווען ארויסגעווארפען און דאס פאלק האט באשלאסען מיט א גאנץ גרויסע מערהייט, אז מען מוז זיי ארונטערנעמען.

עס האט אמאל א נאר געזאגט, אז די שטימע פון פאלק איז די שטימע פון גאט, און א סך קלוגע מענשען גלויבען אין דעם. איך האב קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי אויסצופאלגען דעם באשלוס פון פאלק. האב איך גלייך געארדערט, אז אלע זאלען גיהן צום שאפ און מיר זאלען זיי ארונטערנעמען.

אז מיר זיינען געקומען צום שאפ, האב איך אנגעפאנגען איבערצוקוקען מיין ארמיי. איך זעה אז צוויי פון די אנציהערס זיינען ניטא; זיי זיינען אויפ'ן וועג פארלארען געגאנגען. נאך איין פאר פון די אנציהערס, זעה איך, ווי זיי שטעהען ווייט אוועק פון שאפ, און זיי קוקען אויפ'ן הימעל ווי די פייגעלאך פליהען, און זעהען אויס ווי אומשולדיגע נשמות. זיי ווייסען קיין זאך ניט און זיי מישען זיך אין קיין זאך ניט. האב איך זיי געזאגט, אז זיי זאלען ניט קוקען אויפ'ן הימעל, און זאלען בעסער צוגעהן נעהנטער צום שאפ, אום מיר זאלען קענען דורכפיהרען די ארבייט וועגען וועלכער מיר זיינען געקומען.

אפווארטענדיג א שטונדע ביים שאפ, איז דער דעזיינער מיט'ן פארמאן ארונטערגעקומען, האב איך געוואלט צוגעהן צו זיי און זיי זאגען נאך וואס מיר זיינען געקומען. האט מיר א פאליסמאן ניט צוגעלאזען צו זיי. נאר יעדער האט עס געקערט פאר א פאליסמאן: אז דאס פאלק האט באשלאסען אז מען מוז זיי ארונטערנעמען! און איך האב א צווייטען מאל געוואלט צוגעהן צו זיי, האב איך געקראגען פון א צוויי-הונדערט פונטיגען פאליסמאן א זעץ אין די ציינער, אז זיי זיינען מיר גלייך פארשוואלען געווארען. און עטליכע טעג נאכדעם, אז איך פלעג דארפען עסען, פלעג איך מוזען די ביינער צושניידען אויף דינע פענעצלאך און ארייננקוקען צווישען די ציינער, ווייל איך האב זיי ניט געקענט עפענען. מיך, מיט ברודער מאיער'ן האט מען ארעסטירט (ברודער מאיער האט דאן געארבייט ביי אונז אין שאפ, נאר אין דער צייט פון סטרייק איז ער געווען דער האל טשערמאן).

דיזע שפיל האט זיך אפגעשפילט, אויב איך מאך ניט קיין מיסטייק, אין א געוויסען מיטוואך. שבת, דערצעהלט מיר א ברודער פון שאפ, איינער פון די עטליכע וואס האבען געהאלטען מיט מיר, אז מען דארף זיי ניט ארונטערנעמען, אז דאס פאלק (דאס הייסט די לייטע פון שאפ) האבען שוין חרטה וואס מען האט ארונטערגענומען דעם דעזיינער מיט'ן פארמאן, נאר זיי שעמען זיך דאס מיר צו זאגען. די אורזאכע פון זייער חרטה איז, אז מען האט זיי אנגעשראקען, אז ווען זיי וועלען ארויסגעהן צוריק אין שאפ, וועט מען זיך מיט זיי אפרעכענען.

זונטאג אין דער פריה בין איך אוועק אין קראטאנא פארק. געהענדיג אין פארק, זעה איך פון דערווייטענס ווי עס שטעהען ביי א צעהן לייטע פון אונזער שאפ (אין שאפ האבען דאן געארבייט אריבער הונדערט לייטע) אלע כמעט פון די אנציהערס, און זיי קאכען זיך. נאר ווען איך בין צוגעקומען, זיינען זיי אלע אנשווייגען געווארען. פרעג איך זיי, וואס זייט איהר אנשווייגען געווארען? נאר קיינער ענטפערט ניט. פרעג איך זיי נאך אמאל: זאגט וואס אייך דריקט, וואס איך טוט וועה? אפשר וועל איך אייך קענען העלפען. כאפט זיך ארויס איינער פון די אנציהערס און זאגט צו א צווייטען, אויך פון די אנציהערס: נו, זאג איהם. ווערט דער צווייטער אין כעס און ער ענטפערט: וואס בין איך עפעס פאר א זאגער? זאג איהם דו! — און מען שווייגט ווייטער. נאר באלד האט זיך ארויסגעכאפט א דריטער, גראדע ניט קיין אנציהער, און זאגט צו די ערשטע צוויי: אויב איהר האט מורא איהם צו זאגען, וועל איך איהם זאגען. איך האב קיין מורא ניט. און ער ווענדעט זיך צו מיר מיט כעס: צוליב וואס האט איהר זיי ארונטערגענומען פון שאפ? ענטפער איך איהם, איהר האט דאך אזוי באשלאסען. ווערט ער נאך מעהר אין כעס און זאגט מיר: וואס טויג מיר דארט באשלאסען, באשמאסען! און צייגט אן מיט'ן פינגער אויף די אנדערע לייט: אט זאגען אלע, אז איהר האט זיי ניט געטארט ארונטערנעמען!

איך בין געבליבען שטעהן און האט זיי ניט געהאט וואס צו ענטפערן. איך האב געפיהלט ווי מען וואלט מיך אפגעגאסען מיט א צעבער אייז וואסער, און איך האב ביי זיך געקלערט, אז די שטימע פון פאלק איז ניט די שטימע פון גאט, נאר דאס איז די שטימע פון טייוועל.

איך באגריס פרעזידענט שלעזינגער'ן פון מיין טיפסטען הארצען. איך ווינש אז פאר זיין אדמיניסטריישאן זאלען מיר אויפבויען א שטארקע יוניאן, אזוי ווי מיר האבען געהאט אמאל, ווען ברודער שלעזינגער איז געווען אונזער פרעזידענט. ברודער שלעזינגער, דער וועג צו אייער ציעל, דאס הייסט צו אויפבילדען צוריק אונזער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן, איז ניט געפלאסטערט מיט בלומען; דער וועג איז פול מיט שטיינער, דערנער, בלאטעס און זומפען. פון דער לינקער זייט וועג, פון די זומפען ארויס, לויערען אויף אייך רויטע, גיפטיגע שלאנגען, עקדעשען און קראקאדילען, און פון דער רעכטער זייט וועג איז אויך ניט זעהר יום-טוב'דיג. די זומפען האבען דארט נאך אויך ניט אינגאנצען אויסגעטריקענט. אונזער יוניאן איז האלב צובראכען; קיין געלט איז ניטא; דאס פאלק איז שרעקליך דעמאראליזירט, און פארגיפטעט.

איהר, ברודער שלעזינגער, האט פארלאזען א הויז א רייכע, א ווארימע און א ליכטיגע, און איהר האט איינגעמופט אין א הויז אן ארימע, א קאלטע און זעהר ניט קיין פרעהליכע. צוליב וואס האט איהר דאס געטאן? — געוויס ניט צוליעב אייער באקוועמליכקייט וועגען. איהר האט דאס געטהאן, ווייל איהר גלויבט אז איהר וועט קענען אונז, קלאקמאכער, ארויסשלעפען פון דעם זומפ, אין וועלכען מיר זיינען פארקראכען. דערפאר גלויב איך אז יעדער ארענטליכער יוניאן מאן און יעדער ארענטליכער מענש וועט אייך העלפען אריבערצוגעהן דעם געפערליכען וועגע און קומען צו אונזער און אייער ציל.

אלע דארפען אריין אין דער יוניאן

ווערטער ברודער רעדאקטאר:

ערלויבט מיר דורכצורעדען זיך אביסעל מיט די קלאוקמאכער דורך דער „גערעכטיגקייט". לאמיר, ברידער, זיך א ביסעל דורכשמועסען וועגען דער יעצטיגער לאגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך.

איך רעד ניט צו די פאנאטישע חסידים פון קאמוניסטישען קלייזעל, ווייל מיט פאנאטיקער קען מען ניט דעבאטירען. זיי ווילען ניט פארשטעהן. איך ווענדע זיך אבער צו די קלאוקמאכער, וועלכע זיינען אין דער יוניאן צוליב ברויט און ניט צוליב פאליטיקס. אט צו די וויל איך ריידען.

ברידער! איהר וועט מיט מיר איינשטימען, אז אונזערע געוועזענע „לינקע" פיהרער זיינען געווען א געפאהר פאר דער יוניאן, ניט דערפאר ווייל זיי זיינען אלע געווען ניט ארענטליך; עס זיינען דא צווישען זיי גאנץ ארענטליכע מענשען אויך, אבער צוליב זייער אימפעטיגקייט און צוליב דעם וואס זיי נעמען ארדערס פון א פאליטישער פארטיי, וועמען עס ליגט ניט אין זינען די אינטערעסען פון די קלאוקמאכער, נאר וואס האט אין זינען צו געפעלען ווערען אין מאסקווע, און וועלכע ווילען מיט דעם אידישען ארבייטער אין אמעריקא מאכען די סאציאלע רעוואלוציע, ניט וועלענדיג זיך רעכענען מיט די אומשטענדען און מיט דער צייט. דאס האבען זיי באוויזען אין אונזער לעצטען גענעראל סטרייק, — ווי אזוי זיי האבען איהם ארויסגערופען און ווי אזוי זיי האבען איהם געפיהרט.

איך וויל זיך דא ניט ארייינלאזען אין איינצעלהייטען ווי פעהיג און קלוג זיי האבען געפיהרט דעם סטרייק און אפילו ווי ארענטליך אויך, ווייל איהר דארפט דאס אליין וויסען, אויב איהר האט געסטרייקט 24 וואכען, ווי איך. נו, לענט זיך דאך אויפ'ן שכל, אז מען דארף פון אזוינע פראזען-שיסערס פטור ווערען. נאר איהר האט טענות: עלעקשאן! דאס הייסט, מען דארף מאכען וואהלען; מען האט ניט נעדארפט נעמען און אויסשליסען, סיידען דורך וואהלען. גוט, איך שטים איין מיט אייך. אויך איך בין ניט

(שלוס אויף זייט 11)

פילאַדעלפיער אָפּטיילונג

א פּיידזש וועגען לעבען און טעטיגקייט פון אונזערע פילאַדעלפיער לאָק. 40 און 50 קלאָוק און סקוירט, ווייסט און דרעס טרייד

דער שדים־טאַנץ

וואָכען לאַנג בושוועט די ארבייטסלאָזינקייט אין ווייסט און דרעס טרייד; עס איז כמעט גאַרנישט געוועזען קיין פאַל־סעזאָן. און וואָס לענגער עס דויערט די סלעק אַלץ האַרצלאָזער ווערען אונזערע באַלעבאַטים. עס ווייזט זיך זיי אויס, אַז איצט איז זייער צייט — „אויביג וועט דויערען די נאַכט"...

זיי צוהילף קומט די גלייכגילטיגקייט און דערשלאָגענקייט פון די אומאָרגאַניזירטע ארבייטער, וועלכע לאָזען די באַלעבאַטים הוליען דעם שדים טאַנץ. לעצטענס האָבען מאַנכע מאַנופעקטשורערס וועלכע האָבען אַגרימענטס מיט אונזער יוניאָן זיך פאַרקוקט אויף די אָפּען שעפּער און עס ווילט זיך זיי אַנשליסען אַן דעם ווילדען, באַרבאַרען טאַנץ אויף דעם ארבייטער'ס געדולד. ווי עס זעהט אויס, האָבען די מאַנופעקטשורערס נאָך אַלץ אין זינען די אַלטע גוטע צייטען פון אומבאַגרעניצטער שקלאַפעריי און פאַרגעסען, אַז „ווען מען זייהט ווינט מוז מען שניידען שטורעם".

צו הילף אונזערע באַלעבאַטים איז ניט נאָר געקומען די לאַנגע סלעק, נאָר אויך דאָס קאָמוניסטישע סקעב־קלייזעל. וואָס זיי קענען ניט באַווייזען אויף דעם געביט פון בויען, באַווייזען זיי זייער ערפאָלגרייך אויף דעם געביט פון צושטערען. ווי נאָר עס קומט צו אַ שטיקעל צוזאַמענשטויס מיט אַ מאַנופעקטשורער, סטראַשעט ער באַלד מיט קאָמוניסטישע סקעבס. אָרימע, ענגהאַרציגע באַלעבאַטים! זיי ווייסען נישט, אַז די גאַנצע קאָמוניסטישע „יוניע" איז דער גרעסטער פון אַלע קאָמוניסטישע פעיקס. אַז זיי האָבען נישט גענוג פאַרפירטע צו קאָנען אָנפילען אירגענד וועלכען באַדייטענדען שאַפּ. און פיליכט ווייסען זיי יאָ, נאָר זיי ווילען אונז נאַרען מיט דער „סטראַשידלע".

נישט קוקענדיג אויף אַלע אָנשטרענגונגען אָנצוהאַלטען באַציהונגען מיט אונזערע באַלעבאַטים, וועלכע זאָלען זיין באַזירט אויף ציוויליזירטער פאַרשטענדיגונג אין די אינטערעסען פון ביידע צדדים, געפינען זיך אַזעלכע וועלכע האַלטען דעם אַגרימענט אין צייט פון סעזאָן, און ווילען אויסנוצען די שלעכטע צייט אַרויסצורייסען דעם לעצטען ביסען ברויט פון אַרבייטער'ס מויל. אמת, די ארבייטער אין די נים־יוניאָן שעפּער זיינען מעהר שולדיג ווי די מאַנופעקטשורערס. ווען ניט זייער פאַרברעכערישע גלייכגילטיגקייט צו זייער לעבען און צום לעבען פון זייערע פרויען און קינדער וואָלטען זיך די מאַנופעקטשורערס קיין מאָל ניט ערלויבט צו געהן אַזוי ווייט, אָבער, יעדער געמיינהייט האָט אַ גרעניץ און אפילו אין די נים־יוניאָן שעפּער וועט די געדולד דאָך פּלאַצען. קיין מאַנופעקטשורער טאָר ניט זיין צו זיכער מיט זיינע שקלאַפען. אונטער די ערנסטע אומשטענדען איז דער אַרבייטער אַ שלאָפענדער ריז וועלכער קען פאַרטראָגען צרות און ליידען ביז אַ געוויסער מאָס, און ווען דער בעכער ווערט פול איז וועה צו ד יהערשער, וועלכע האָבען איהם פול געמאַכט. דער שלאָפענדער ריז ערוואַכט און פון זיין באַוועגונג קראַכען ווי קאַרטען שטיבלאַך אַלע פּאַלאַצען, וואָס ער האָט אויף זיין רוקען געבויט פאַר זיינע אונטערדריקער.

פאַר די לעצטע פיר מאָנאַטען איז אונז אויסגעקומען צו פיהרען אַ שטענדיגען פאַרטיידיגונגס קאַמף, מיט אומגעהויערע אָנשטרענגונג האָבען מיר געמוזט אָנהאַלטען אונזערע פּאָזיציעס. מיר האָבען פיליכט דאָ אָדער דאָרט פאַרשווינען פרעכע האַנדלונגען אום אויסצומיידען אַ קאַמף אין דעם ברען פון סלעק, ווען דער מאַנופעקטשורער געפינט זיך אין אַ בעסערער פּאָזיציע, אָבער איצט זיינען מיר אויף דעם שוועל פון אָנקומענדיגען ספּרינג סעזאָן, עס זעהט זיך שוין לאַנד... באַלד וועט באַגיין ווערען דער אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין מיט מעהר ענערגיע, מיט פרישע קרעפטען און גינסטיגערע באַדינגונגען.

ניט קוקענדיג אויף אַלע ווילדע קלאַנגען איז די יוניאָן גרייט צו באַגעגענען יעדע אַטאַקע און געבען דעם געהעריגען ווידערשטאַנד.

די גרעסטע מלחמה־לאָרדען האָבען געכאַפּט זייערע מפּלות וואו זיי זיינען שוין געווען ביי די טויערן פון זייערע שונאים. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען אַז נאָך אַ פּאָר שטשעס און די לעצטע שטורעם פעלט. אָבער ווען עס איז געקומען צו די לעצטע טויערען האָבען די [illegible] טערט דעם שונא, וועלכער איז שוין געווען שיכור פון זיג.

זייט גרייט, געטרייע מיטגלידער פון אונזער יוניאָן!

צו די הונדערטער געטרייע און איבערגעבענע מיטגלידער פון אונזער יוניאָן, רופען מיר: זייט גרייט צו באַגעגענען דעם שונא, וואָס שפּאַרט זיך אַלץ נעהענטער צו אונזערע טירען! געדענקט, אַז ווייטער טאָרען מיר זיי ניט לאָזען! עס מוז געשאַפען ווערען אַן אייזערנע וואַנט פון אומבאַגרעניצטער איבערגעבענקייט פאַר דער יוניאָן. קיין קרבן טאָר ניט זיין צו־שווער צו ברענגען אין דער קריטישער צייט ווען דער שונא לויערט פון אַלע זייטען.

ווען מיר שרייבען דיזע שורות ערוואַרטען מיר אַטאַקעס פון מאַנכע מאַנופעקטשורערס. מיר ווייסען נאָך ניט ווי ווייט זיי מיינען ווירקליך זיך צו פאַרמעסטען אין קרעפטען מיט דער יוניאָן. מיר מוזען אָבער זיין גרייט אויף דעם ערגסטען. יעדער פאַרזוך וואָס וועט געמאַכט ווערען פון אירגענד וועלכען מאַנופעקטשורער מוז באַגעגענען דעם שטאַרקסטען ווידערשטאַנד.

זאָל אונזער פאַרטיידיגונגס קאַמף געפיהרט ווערען אַזוי העפטיג, אַז ער זאָל וואָס שנעלער קענען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ מעכטיגען אַנגריף אויף אַלע שקלאַפען־פעסטונגען — די אָפּען שעפּער.

וויכטיגע געסט ביי דער אינסטאַלײשאַן פון נייער עקזעקוטיווע און באַאַמטע פון לאָקאַל 50

דאָנערשטאָג, דעם 8טען נאָוועמבער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ ספּעשעל מיטינג צו אינסטאַלירען די ניי־ערוועהלטע עקזעקוטיוו באָארד און באַאַמטע פון דער ווייסט און דרעסמאַכער יוניאָן, לאָקאַל 50.

צום מיטינג זיינען גערופען געוואָרען אַלע אַלטע און ניי־ערוועהלטע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו באָארד. די עקזעקוטיוו באָארדס און אַדווייזאָרי קאָמיטעס פון די קאָטערס און פרעסערס בראַנטשעס און אַ רייהע אַקטיווע מיטגלידער פון דער יוניאָן. דאָס איז געוועזען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און וויכטיגסטע מיטינגען. צו דעם מיטינג זיינען געקומען די ברידער דזשוליוס האָכמאַן און מאָריס זינגמאַן. די ברידער שלעזינגער און באַראָף האָבען צוגעשיקט באַגריסונגען און זיך אַנטשולדיגט פאַר ניט זיין אימשטאַנד צו קומען איבער דעם וואָס זיי האָבען געדאַרפט זיין ביי וויכטיגע מיטינגען מיט ניו יאָרקער לאָקאַלען.

דער מיטינג איז געעפענט געוואָרען פון בר. מ. פאַלין, וועלכער האָט אין אַ קורצער רעדע ערקלערט די וויכטיגקייט פון דעם מיטינג און די ערנסטע אויפגאַבען פון די ניי־ערוועהלטע באַאַמטע און עקזעקוטיוו מיטגלידער. ער האָט דאַן געגעבען דאָס וואָרט צו ברודער מאָריס זינגמאַן, וועלכער האָט צוריק מיט איינינע טעג פאַר דעם מיטינג רעזיגנירט פון פרעזידענט אַמט פון אונזער אינטערנעשאַנאַל, און אַמט וועלכער ער האָט אָנגעהאַלטען פאַר די לעצטע זעקס יאָהר.

בר. זינגמאַן האָט אין אַ זעהר געלונגענער רעדע אַנגעוויזען די טיפע אינדוסטריעלע אורזאַכען, וועלכע האָבען געבראַכט צו דעם איצטיגען צושטאַנד פון דעם טרייד און וואָס עס האָט געמאַכט מעגליך פאַר די צושטערענדע עלעמענטען אויסצונוצען די שווערע צייטען פאַר זייער פאַרניכטונגס ארבייט. בר. זינגמאַן האָט אויך אָנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט פון פעסטער שליסען די רייהען און פאַרטזעצען די שווערע ארבייט פון צוריק אויפבויען אַ מעכטיגע יוניאָן אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע. זיין רעדע איז אויך געוועזען אַ געזעגענונג מיט לאָקאַל 50 און האָט אַרויסגערופען גרויס אינטערעס ביי אַלע אָנוועזענדע, און איז באַגעגענט געוואָרען מיט לאַנג־דויערענדיגע אַפּלאָדיסמענטען.

נאָך בר. זינגמאַנ'ס רעדע האָט בר. פאַלין איבערגעגעבען דעם פאָרזיץ פון מיטינג צו בר. אַהרן איינבינדער, וועלכער איז ווידער־ערוועהלט געוואָרען אַלס טשערמאַן פון לאָקאַל 50. בר. איינבינדער האָט אין אַ קורצער און איינדרוקספולער רעדע באַגריסט דער ניי־ערוועהלטער עקזעקוטיווע און באַאַמטע און געגעבען דאָס וואָרט צו בר. דזשוליוס האָכמאַן, וויים־פּרעז. פון אונזער אינטערנעשאַנאַל און דזשענ. אָרגאַנייזער, וואָס פיהרט אָן די אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט אין פילאַדעלפיע. בר. האָכמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם צושטאַנד פון דרעס טרייד אין ניו יאָרק און אין פילאַדעלפיע. ער האָט געמאַכט אַ וואַרימען אַפּיל צו אַלע אַקטיווע מיטגלידער צו זיין גרייט פאַרטצוזעצען דעם אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין אַזוי שנעל ווי עס וועט זיך אָנפאַנגען אַביסעל ארבייט. זיין רעדע האָט אַרויסגערופען באַגייסטערונג פאַר ווייטערער ארבייט.

יהודית קאַליש האָט דאַן אין אַ קורצער וואַרימער רעדע אויסגעדריקט אַכטונג און אַנערקענונג צו בר. זינגמאַן פאַר זיין איבערגעגעבענער ארבייט אַלס פּרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאַנאַל און אים איבערגעגעבען אַ באַשיידענעם געשאַנק, וואָס זאָל איהם דינען אַלס אָנדענק פון אונזער לאָקאַל. בר. זינגמאַן איז געוואָרען זעהר גערירט פון דעם זאָמערוואַרטעטען געשאַנק, וואָס דריקט אויס אַזוי פיל וואַרימע געפיהלען צו איהם. ער האָט באַדאַנקט די מיטגלידער פון דער עקז. באָארד. ער האָט געזאָגט, אַז דיזער געשאַנק איז ביי איהם ספּעציעל זעהר טייער, ווייל דאָס איז געקויפט געוואָרען פון די אַקטיווע מיטגלידער פון זייערע אָרימע פאַרדינסטען אין אַזאַ שווערער צייט.

נאָכדעם ווי די נויטיגע קאָמיטעס זיינען ערוועהלט געוואָרען האָט דער מיטינג זיך געשלאָסען און האָט איבערגעלאָזט אַ זעהר געהויבענע שטימונג.

וועגען דער רעזיגנאַציע פון דעם טשערמאַן פון פרעסערס בראַנטש

פון סאַלאָמאָן פרעדגאַנט

אין דער קאָמוניסטישער שמוץ־בלאַט „פרעכהייט" פון לעצטען פרייטאָג איז געוואָרען אָפּגעדרוקט דאָס פאָלגענדע:

„צו דער עקזעקוטיוו באָארד פון דער לײדיס ווייסט און דרעסמאַכער יוניאָן, פילאַדעלפיע.

„געעהרטע דעלעגאַטען:

„ווען איך האָב אָנגענומען דעם טשערמאַן־אַמט אין דעם פרעסערס בראַנטש, האָב איך אין זינען געהאַט די אינטערעסען פון די פרעסערס. פאַרשטעהענדיג מיינע אויפגאַבען, האָב איך גערופען אַ מיטינג פון די פרעסערס מיט'ן צוועק אויסצואַרבייטען אַ ריי אָרגאַניזאַציאָנס־פּלענער.

„ווען די פרעסערס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָב איך געהאַלטען פאַר זיי אַ רעדע, אָנווייזענדיג ווי וויכטיג עס איז פאַר זיי צו זיין אָרגאַניזירט און אַזוי אַרום אָפּשאַפען דעם כאַאָס אין טרייד. אָנשטאָט די באַאַמטע זאָלען קאָאָפּערירען מיט מיר און מיר העלפען אין דער וויכטיגער ארבייט, האָבען זיי מיר געשטערט.

„דעריבער בעט איך די עקזעקוטיווע באָארד אָנצונעמען מיין רעזיגנאַציע אַלס טשערמאַן פון דעם פרעסערס בראַנטש. איך פאַרלאַנג, אַז מיין רעזיגנאַציע זאָל גלייך אַריין אין קראַפט.

סעם עדלמאַן, טשערמאַן."

צו דער רעזיגנאַציע וואָס עדעלמאַן האָט געפונען פאַר נויטיג צו שיקען אין אַזאַ שמוץ־בלאַט איז נאַטירליך געוועזען צוגעקלעפּט אַ שטיק בלאָטע, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ בלעטעל. וואָלט עדעלמאַן ווירקליך געמיינט די אינטערעסען פון דער יוניאָן וואָלט ער געוואוסט, אַז דאָס באַלאַנגט ניט צו קיין צייטונגען נאָר צו דער עקזעקוטיוו. און די עקזעקוטיוו האָט טאַקע געהאַנדעלט איבער זיין רעזיגנאַציע דאָנערשטאָג, דעם 8טען נאָוועמבער און איינשטימיג אָנגענומען. עס האָט זיך אַפילו ניט געפונען קיין איין אַקטיווער פרעסער, וועלכער זאָל דענקען, אַז עדעלמאַן איז אַזוי וויכטיג אַז מען זאָל זיין רעזיגנאַציע צוריקקווייזען. אויב די „פ. עכהייט" מאַכט פון איהם אַזאַ וויכטיגע פּערזאָן פייסען אָבער די פרעסערס [illegible]

עדעלמאַן זאָגט אין זיין רעזיגנאַציע, אַז ער געהט אַוועק דערפאַר וואָס מען האָט איהם ניט געלאָזט טאָן קיין אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט. ווייל איך פרעגען: פאַרוואָס זאָגט ער דאָרט ניט וואָס פאַר אַן ארבייט ער האָט געוואָלט טאָן און ווער האָט דאָס איהם געשטערט? ער דערצעהלט דאָס ניט, ווייל ער ווייסט, אַז זיין פּלאַן וועגען גריינדען אַן אינדעפּענדענט פּראָטעקטיוו (יוניאָן) אַסס'ן איז אָפּגעקירט געוואָרען פון אַלע פרעסערס און ניט נאָר פון קיין באַאַמטע. יעדער פרעסער האָט איהם אָנגעוויזען אַז עס איז לעכערליך, אַז אַ פרעסער מעמבער פון דער יוניאָן זאָל ריידען אַזוי ווי עס האָט גערעדט בר. עדעלמאַן.

איך בין געוועזען איינער פון די וועלכע האָבען אַנגעוויזען בר. עדעלמאַנ'ען די לעכערליכקייט פון זיין פּלאַן, אַז דאָס וואָלט געוועזען אַ רואינע פאַר די פרעסערס, ווייל די פרעסערס מוזען באַלאַנגען צו דרעזעלבער יוניאָן ווי אַלע אַנדערע ארבייטער אין טרייד און ניט צו קיין באַזונדערע יוניאָנס, וואָס דאָס איז דער אַלף־בית פון אַ באַוואוסטזיניגען ארבייטער. פאַרוואָס האָט עדעלמאַן ניט אָנגערופען די באַאַמטע וועלכע האָבען איהם געשטערט און אין וועלכער ארבייט? זיין גאַנצע ארבייט איז דאָך בלויז באַשטאַנען אין די פאַר ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט ביי דעם ערשטען מיטינג פון בראַנטש, וואו עס האָבען זיך געפונען אַלע אַלטע און איבערגעגעבענע יוניאָן לייט, וועלכע פאַרשטעהען ניט. ווייניגער פון עדעלמאַנ'ען וואָס עס דאַרף געטאָן ווערען צו אָרגאַניזירען די פרעסערס. אַ טייל פון די וועלכע זיינען געוועזען ביים מיטינג זיינען שוין יוניאָן לייט פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָהר און מען קען זיי ניט איינריידען אַזעלכע פּלענער וועלכע שמעקען פון קאָמוניסטישען חדר, צי באַוואוסטזיניג אָדער ניט.

איך האַלט, אַז בר. עדעלמאַן איז באַגאַנגען אַ גרויסען פעהלער מיט זיין געבען די רעזיגנאַציע אין דער „פרעכהייט", אַ בלעטעל, וועלכע זוכט צו שלאָגען פּאָליטישען קאַפּיטאַל פון דער אונוויכטיגסטער פראַגע.

פרעזידענט שלעזינגער'ס צוויי רעדעס

(שלוס פון זייט 3)

ערהאַלונג קומען אַזוי שנעל אַז עס וועט אונז אַלעמען איבערראַשען. איך בין פאָלשטענדיג איבערצייגט אַז אַזוי וועט עס זיך אויסלאָזען אין פאַרלויף פון די קומענדע 6 מאָנאַטען. אָבער אום צו איבערקומען דעם קריזיס מוזען מיר האָבען די פולסטע קאָאָפּעראַציע פון יעדען איינעם וואָס באַטראַכט זיך פאַר אַן אמת'ען יוניאָן מאַן.

„איך האָב זיך פאַרנומען צוערשט מיט דער סיטואַציע אין דער קלאָוק־אינדוסטריע, ווייל די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז אימער געווען דער אַוואַנגאַרד פון דער ארבייטער באַוועגונג. ווען עס איז געלונגען די קלאָוקמאַכער אויפצובויען אַ גרויסע, מעכטיגע יוניאָן האָבען אַלע אַנדערע צווייגען פון דער ארבייטער באַוועגונג נאָכגעפאָלגט זייער ביישפּיל. ווען עס וועט אונז געלינגען אַצינד איבערצובויען די קלאָוקמאַכער יוניאָן וועט דאָס זעלבע געשעהן מיט די דרעסמאַכער און אַלע אַנדערע.

„איך האַלט אַצינד אָפּ באַראַטונגען מיט די לאָקאַלע עקז. באָארדס וועגען די מיטלען וואָס דאַרפען אָנגעווענדעט ווערען אין באַצוג אונזער יעצטיגער סיטואַציע. די ערשטע באַראַטונג האָב איך אָפּגעהאַלטען נעכטען אָוונט מיט לאָקאַל 2, און עס איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מיטינגען וואָס איך האָב ווען עס איז אָפּגעהאַלטען. מיר זיינען געקומען צו אַ געוויסער פאַרשטענדיגונג. עהנליכע באַראַטונגען וועלען אָפּגעהאַלטען ווערען מיט די אַנדערע עקז. באָארדס אין פאַרלויף פון דער נעקסטער וואָך. אַזוי שנעל ווי איך וועל פאַרטיג ווערען מיט דיזע באַראַטונגען, וועל איך פאָרלעגען פאַר אייך מיינע פּלענער צום פאַרהאַנדלען און גוטהייסען.

„דאָס איז אַלעס וואָס איך האָב איך פאַרלויפיג צו זאָגען. איך דאַנק אייך נאָך אַ מאָל פאַר אייער וואַרימער אויפנאַמע און פאַר דעם גייסט פון קאָאָפּעראַציע וועלכען איהר האָט אויסגעדריקט."

ווילט איהר צופּאַרען אייצט אויף אַ פּאָר טעג אין [illegible] הויז? רופט אָן דעם [illegible] טשעלסי 2149 און [illegible]

גאמפערס־בילדער אין אייראפא:

פון ה. לאנג (רייזע־נאטיצען)

איך בין געגאנגען איבער פאריזער גא־
סען, זיך געדרעהט דורך ברייטע סקווע־
רען — רוישיגע, קלאפיגע, אויף יעדען
טראט פארקעהר, באוועגונג, מענשען,
אויטאמאבילען; פאר אן אמעריקאנער
איז דאס אודאי ניט קיין נאווינע, ס'איז
מיר, אבער, געווען פרעמד — א פרעמדע
שטאדט, א פרעמד לאנד. איך בין צו־
געקומען צו שטילע גאסען אלטע שטי־
בער, קליינע שפייז־געוועלבלאך, גראהע
ווייז־שענקלאך, מענער און פרויען אנגע־
טאן ארעם, ארבייטער־גאסען אין פאריז,
און — ווידער, פרעמד, פרעמד. איך בין
שוין געווען אין א הויז, אין א צימער,
באקאנטע מענשען ארום א טיש, א גע־
שפרעך איבער נאהענטע ענינים, דער
אפיס פון דער פראנצויזישער ארבייטער־
פעדעראציע; אבער, נאך אלץ פרעמד,
פרעמד, א פרעמדע אטמאספערע — מען
האט גערעדט דורך איבערזעצערס. פלוצ־
לונג האט א שיין געטאן א היימיש פנים,
א פנים אויף א וואנט, א בילד —

סעמיועל גאמפערס...

כ'האב עס אנגענומען פאר א גע־
וועהנליכע זאך. זשאהו, דער הויפט־
פיהרער פון דער פראנצויזישער ארביי־
טער־פעדעראציע, איז געווען א פריינד
פון סעמיועל גאמפערס, האלט ער אויף
א וואנט פון זיין אפיס זיין חבר'ס בילד.
דאך האב איך אויפ'ן בילד לאנג געקוקט.
א גאמפערס־בילד אין א פראנצויזישער
אטמאספערע, האט מיר די פראנצויזישע
אטמאספערע אויפגעהערט זיין פרעמד.
ס'איז צו מיר געמאכט געווארען א בא־
מערקונג, און אן איבערזעצער האט אי־
בערזעצט:

— עס דארף אייך ניט וואונדערען
אויפ'ן גאמפערס־בילד; דאס בילד איז
אויפ'ן ריכטיגען פלאץ; די פראנצויזי־
שע ארבייטער באוועגונג איז גאר און
גאר נאהענט צו דער אמעריקאנישער;
גאמפערס איז ביי אונז אלע מאל געעהרט
געווען...

☘

כ'האב שפאצירט איבער בערלין;
פארביינעאנגען די באנק־שטראסען; ארוי־
בערגעגאנגען א בריק; געקומען צו א גע־
גענד פון אלטע הייזער און אן אלטען
דייטשען סטיל; א סך לעבען ארום די
הייזער — דייטשער לעבען. גרויסע
טראקס זיינען געפאהרען, און פראכט־
פיהרער האבען גערעדט, הויך גערעדט
מיט כאראקטעריסטיש־דייטשע אויסרו־
פען. כ'האב די טראקט נאכגעקוקט;
דעם גאנצען געגענד נאהענט באקוקט;
דייטשער קלונג, דייטשע פארב, אלץ און
אלעם דייטש. איך בין געווארען פאר־
שלונגען פון דייטשע אטמאספערע. איך
בין צוגעקומען צו א הויז מיט א בוך־גע־
שעפט. כ'האב אריינגעקוקט אין די
פענסטער. נו, געווים, דייטשע אויפ־
שריפטען, דייטשע נעמען. איך בין ארויף
צו העכערע עטאזשען, צום אפיס פון
דייטשען געווערקשאפטס־בונד, די דויי־
טשע ארבייטער - פעדעראציע. פעטער
גראסמאן, איינער פון די הויפט־פיהרער
פון דייטשען געווערקשאפטס־בונד, האט
מיר ערקלערט פון א קאמף פון די דויי־
טשע יוניאנס אין דייטשען רייכסטאג, א
קאמף פאר קלענערע שטייערען אויף לוין־
ארבייטער, אנגעפיהרט פון די סאציאל־
דעמאקראטישע רייכסטאג - מיטגלידער,
וועלכע זיינען אויך די טרייד־יוניאניס־
טישע רייכסטאג־מיטגלידער. ס'איז דאך
דארטען איין באוועגונג, די עקאנאמישע
און די פאליטישע. איך בין פון זיינע
רייד פארצויגען געווארען. דייטשע סא־
ציאל־דעמאקראטישע מעטאדען, פראגרא־
מען, פאליטיק, ארויסטרעטונגען —
כ'האב געשטעלט פראגען נאך פראגען און
באקומען ענטפערס נאך ענטפערס. ענד־
ליך האב איך זיך אויפגעשטעלט צו געהן
פאר די אויגען האט מיר א שיין געטאן
א פנים אויף א וואנט, א בילד —

סעמיועל גאמפערס...

כ'האב געפרעגט:

— אויך דא סעמיועל גאמפערס?...

ס'איז געקומען אן ענטפער:

— ווארום זיך וואונדערען?... ווייל
די מלחמה־יאהרען האבען אונז צוטיילט?
איז ער דאך געווען דער ערשטער, יא,
דער ערשטער ארבייטער פיהרער אויף
דער וועלט, די מלחמה־טעג צו פארגע־
סען... און געדענקען וועט מען ביי אונז,
אט־דא אין דייטשלאנד, ווי ער, גאמ־
פערס, האט אויפגענומען א פארטרעטער
פון דער דייטשער ארבייטער באוועגונג
צו דער אמעריקאנישער ארבייטער בא־
וועגונג, דאן, ווען ביי א קאנווענשאן פון
דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר
איז פארגעקומען א ברודער־דעמאנסטרא־
ציע פון ארבייטער־פארטרעטער פון עט־
ליכע לענדער... אזא טיפען ברודער־גע־
פיהל האט ער פארמאגט... ס'איז אונז א
גרויסער וועהטאג וואס עס זיינען שוין
דאן געווען די לעצטע טעג פונ'ם פאר־
הארטעוועטען קעמפער...

פעטער גראסמאן האט אזוי גערעדט,
און בעסער צו־רעכט געמאכט די גאמ־
פערס־בילד אויף דער וואנט.

☘

אינ'ם אינטערנאציאנאלען ארבייטס־
אמט פון פעלקער־בונד אין זשענעווע —
נאכדעם ווי איך האב שטונדען און שטונ־
דען פארבראכט מיט'ן דירעקטאר אל־
בערט טהאמא, האט ער צו מיר א זאג
געטאן:

— איהר ווייסט דאך אודאי אז מיר
האבען דא א גאמפערס־צימער; וועל איך
אייך דעם צימער ווייזען.

טהאמא'ס צימער איז אויפ'ן אויבער־
שטען עטאזש פון דער גרויסער לאנגער
געביידע מיט צעהנדליגע און צעהנדליגע
פענסטער וואו עס זיינען די אפיסעס
פונ'ם אינטערנאציאנאלען ארבייטס־אמט.
מיר זיינען ארונטערגעגאנגען צום אונ־
טערשטען עטאזש וואו עס איז דער צי־
מער צום אנדענק פון גאמפערס'ען. א
לעדיגער צימער; נאר א קאנפערענץ־טיש
און אייניגע שטולען זיינען דארטען פא־
ראן. די פענסטער זיינען צו די בלאהע
וואסערען פון „גענפער זעע". צווישען
די וואסערען און די פענסטער איז א בא־
בוימערטער גארטען. פון דערווייטענס
זעהען זיך הויכע שווייצארישע בערג.
אויף א וואנט ביז דער רעכטער זייט פון
די פענסטער הענגט גאמפערס'עס בילד.

— דער לעדיגער צימער ווארט, אז
אמאל זאל מיט אונז זיין אנגעשלאסען
אויך די ארבייטער באוועגונג פון אמע־
ריקע... און דאן וועט דא אינ'ם צימער
זיין די אייראפעאישע ארבייטס־ביורא
פון דער אמעריקאנער ארבייטער־באווע־
גונג.. דער צימער ווארט און גאמפערס'
בילד ווארט... גאמפערס איז דאך געווען
פון די באשאפער פונ'ם אינטערנאציא־
נאלען ארבייטס־אמט...

אלבערט טהאמא האט אזוי גערעדט,
און אין מיטען רעדען אויפגענומען א
גרויסע געזעלשאפט פון יונגע סטודענטען
וועלכע זיינען געקומען שטודירען דעם
פעלקער־בונד און געוואלט אויך איהם
זעהן.

— ס'איז מיר ספעציעל אנגענעם
אייך צו באגעגענען אינ'ם גאמפערס־צי־
מער — האט ער זיי געזאגט, און זיי
גלייך גענומען ערקלערען ווער גאמפערס
איז געווען...

☘

אין א קליינעם צימער, אין א געביי־
דע אויף א שטילער גאס אין אמסטער־
דאם, אויף אן עטאזש טיר ביי טיר מיט'ן
פארטיי־אפיס פון האלענדישע סאציאל־
דעמאקראטען, איז געזעסען דזש. זאסענ־
באך, דער סעקרעטער פונ'ם „אמסטער־
דאמער אינטערנאציאנאל", און איז גע־
ווען גאר און גאר ווארים־הארציג מיר
צו געבען אלערליי אינפארמאציעס וועגען
די לעצטע טעטיגקייטען פונ'ם אמסטער־
דאמער אינטערנאציאנאל. כ'האב דעם
קליינעם צימער גוט באקוקט.

— ס'איז א קליינער צימער, אבער
דא איז דער צענטער פון דער טרייד־
יוניאן באוועגונג פון דער גאנצער וועלט,
— האט זאסענבאך באמערקט.

— פון אמעריקע דאך ניט — האב
איך געמאכט א באמערקונג אויף צוריק.

— אויך פון אמעריקע — האט ער
געענטפערט. — אט איז דאך גאמפערס'
בילד...

א גרויסע גאמפערס־בילד אויף א
וואנט לעבען בילד פון קארל לעגיען, ביי
זיין לעבען דער הויפט־פיהרער פון די
יוניאנס אין דייטשלאנד, און אלע מאל
א גרויסער אדוואקאט פאר א טרייד יונ־
יאן אינטערנאציאנאל.

— צוויי זעלטענע פערזענליכקייטען
אין דער געשיכטע פון עקאנאמישע קעמ־
פע פונ'ם ארבייטער־קלאס פון דער וועלט,
— האט זאסענבאך גערעדט און געקוקט
אויף די בילדער. — און ווען איך בין
אין אפיס אליין, און דערשפיר אז איך
בין אונטער די צוויי בילדער, ווער איך
ארומגענומען פון באזונדערע געפיהלען...
איהר ווייסט יא, אודאי אז גאמפערס
איז געווען פון די גרינדער פון אונזער
אינטערנאציאנאל...

— ער איז אבער אוועק — האב איך
באמערקט.

— נאר געווען א משפחה־קריג, ניט
מעהר, — האט ער געענטפערט.

☘

אויף צוויי פלעצער אין לאנדאן, אינ'ם
אפיס פון אפעלטאן פון דער „דזשענע־
ראל פעדערעישאן אוו טרייד יוניאנס" און
אינ'ם אפיס פון בען טילעט, איצט פרע־
זידענט פונ'ם „טרייד יוניאן קאנגרעס",
צוויי גאנץ פארשיידענע טיפען ארביי־
טער־פיהרער פון צוויי באזונדערע טיפען
בריטישע טרייד־יוניאן ארגאניזאציעס,
וואו איך האב פארבראכט שטונדען און
טעג גאנצע — אין ביידע פלעצער האבען
פון וואנט אראפגעקוקט —
גאמפערס־בילדער...

אפעלטאן האט געזאגט:

— אט פון איהם האב איך א סך גע־
לערענט, גאר א סך...

און ער האט געקוקט אויף גאמפערס'
בילד אויף א וואנט ניט ווייט פון זיין
דעסק.

און בען טילעט האט געזאגט:

— די וועלט האט זיך געלאזען איינ־
רעדען אז גאמפערס איז געווען אן אמע־
ריקאנער; אין דער אמת'ען איז ער דאך
געווען אונזערער, א אייראפעער, אן ענג־
לענדער... און מיר, זיינע חברים ענגלענ־
דער, האבען איהם טאקע אפט געזאגט:
„האסט נאר פארבלאנדזשעט קיין אמע־
ריקע קום כאטש אפט צו־גאסט אהיים,
וועסטו זעהן ווי שטאלץ מיר זיינען מיט
דיר"...

אפעלטאן און בען טילעט — ניט אין
דעם ארטיקעל וועל איך רעדען פון זיי.
די גאנץ באזונדערע כאראקטער־שטריכען
זייערע, אזוי ווי די כאראקטער־שטריכען
פון די טיילען אינ'ם ענגלישען טרייד־
יוניאן־לעבען וועלכע זיי פארטרעטען, קע־
נען זיך אודאי ניט אויפקלערען דורך דעם
פאקט וואס ביי ביידען איז גאמפערס
שטארק פארעהרט. זייער גאמפערס־פאר־
עהרונג איז מעהר פארב פאר שטריכען
פון גאמפערס'ן אליין. עס האט דאך
טאקע געמוזט זיין עפעס גרויסעס און
גראנדיעזעס אין דעם מח און אין דעם
הארץ פונ'ם קליינעם גוף סעמיועל גאמ־
פערס, ווען אלע מינים טיילען פון דער
ארבייטער וועלט אין אייראפא האלטען
זיין אנדענק אזוי פריש און אזוי אייגען־
אינטים...

און עס האט דאך גאר אלע מאל גע־
הייסען אז די ארבייטער־וועלט פון איי־
ראפע שעלט איהם!...

די גאמפערס־בילדער אין אייראפע
זיינען פאר מיר געווען אנגענעמע גע־
פינסען...

לאקאל 38, לידיס טיילארס, פיהרט אין א לייבאר ביורא

די סטרייקערס פון קלוגמאנ'ס שאפ שטעהען פעסט אנטשלאסען אנצוגעהן מיט'ן קאמף.

ווען אן ארגאניזאציע ענטוויקעלט זיך
און וואקסט אין ערפארונג, צאהל און
כחות, שטעלען זיך געוויינליך פאר
איהר אלץ מעהרער און מעהרער נייע
פראבלעמען און מעגליכקייטען. אזוי
איז דאס אויך מיט אונזער לאקאל. אין
דעם אגרימענט, וואס מיר האבען ערשט
נישט לאנג צוריק אנגענומען פאר'ן משך
פון די קומענדע צוויי יאהר, האבען מיר
א ספעציעלען פונקט וועגען אן ארבייטס
פארמיטלונגס ביורא.

אין אגרימענט איז פאראן אן אפ־
מאך, דאס ווען א מאנופעקטשורער
ברויכט האבען א פארמערטע צאהל אר־
בייטער, מוז ער זיך ווענדען צו דער
יוניאן. קיינער קאן ניט ארבייטען אין
א יוניאן שאפ אהן אן ארבייטס־קארד
פון דער יוניאן, וואס ווערט אים ארויס־
געגעבען ביי לאקאל 38.

דער נוצען פון אזא ארבייטס־פאר־
מיטלונגס ביורא, אזוי גוט פאר די אר־
בייטער ווי פאר די באלעבאטים, איז
אומבאשטרייטבאר. דער באלעבאס
פארשטעהט, אז די יוניאן איז אים־
שטאנד אויף זיין פארלאנג איהם צוצו־
שטעלען ערפארענע און קוואליפיצירטע
ארבייטער. די ארבייטער ווידער וויי־
סען זעהר גוט אז דורך דער רעגיסטרא־
ציע אין ארבייטס־פארמיטלונגס ביורא
פארשפארט ער זיך צו פארלאזען אויף
צופאלען און אז אזוי שנעל ווי עס וועט
נאר קומען זיין נעקסט, וועט ער בא־
קומען זיין ארבייטס־פלאץ אין א יוניאן
שאפ.

דער ארבייטער וועט, אלזא, פון
איצט אן ניט דארפען פעדלען אין די
גאסען מיט זיין ארבייטס־קראפט און ער
מעג זיכער זיין, אז ער וועט באקומען
זיין ארבייט לויט דער רעגיסטראציע־
רעכט, און אז קיין שום פראטעקציאניזם
וועט נישט צוגעלאזען ווערען.

אזוי ווי מיט יעדען נייעם פארזוך,
איז אויך מיט דעם נייעם ארבייטס־
פארמיטלונגס ביורא, פאראן איבערצו־
קומען מאנכע שוועריגקייטען. די הויפט
שוועריגקייט ליגט אין דעם צו קענען
די ארבייטער איבערצייגען, אז עס וועט
נישט עקזיסטירען קיין שום פראטעק־
ציאניזם. עס איז קלאר אז א לייבאר
ביורא קען בלויז האבען א ווערט און א
עקזיסטענץ, ווען עס ווערט געלייטעט
עהרליך און פינקטליך. אפגעזעהען דער־
פון, ווי וויכטיג עס זאל פאר מאנכע
דזשאב זוכער נישט זיין צו באקומען
באלד ארבייט, טאר דאס אין קיין שום
פאל נישט באריקזיכטיגט ווערען, און
יעדער אהן אויסנאמע מוז ווארטען אויף
זיין רייהע אויף דער ליסט.

פארשטעהט זיך, אז עס מוזען גע־
האלטען ווערען באזונדערע ליסטען פאר
מיטגלידער, פאר אפליקאנטען, פאר
מעמבערס פון אנדערע לאקאלען און פאר
אזעלכע מיטגלידער, וואס ארבייטען שוין,
נאר זיי ווילען אויסטוישען זייער אר־
בייטס־פלאץ.

א קאמיטע פון שאפ־טשערלייטע און
אקטיווע מעמבערס, זיינען איצט ספע־
ציעל פארנומען מיט אויסארבייטען
„רולס און רעגולייש אנס" פאר דעם אר־
בייטער פארמיטלונגס ביורא. אזוי שנעל
ווי די קאמיטע וועט פארטיג ווערען מיט
איהר ארבייט און וועט קומען מיט איה־
רע רעקאמענדאציעס, וועט גערופען ווע־
רען א מיטינג פון אלע שאפ טשערלייט
און אקטיווע מיטגלידער, כדי צו דיסקו־
טירען די רעקאמענדאציעס פון דער קא־
מיטע בעפאר זי וועט פארהאנדעלט ווע־
רען און ענדגילטיג באשלאסען ווערען
ביי דער עקזעקוטיוו באארד. צום לעצט
וועט גערופען־ווערען א גענעראל מעמ־
בער מיטינג, וועלכער וועט האבען די
אויפגאבע צו ראטיפיצירען די אנגענו־
מענע רולס, לויט וועלכע די ביורא וועט
זיך דארפען פיהרען.

דער סטרייק פון לאקאל 38 געגען קלוגמאנ'ס פעקטארי האלט נאך אן.

טראץ דעם וואס דער סטרייק פון די
בראווע מענער און פרויען געגען קלוג־
מאנ'ס שאפ דויערט שוין די ניינטע
וואך, איז דער גייסט פון די סטרייקערס
ניט נאר אזוי פריש און קאמפלוסטיג
ווי אין אנהויב פון קאמף, נאר נאך
קאמפלוסטיגער און אנטשלאסענער ווי
ווען עס איז בעפאר.

די סטרייקער באווייזען מיט אלע
לעגאלע מיטלען, אז די באלעבאטים מא־
כען א גרויסען טעות, ווען זיי דענקען,
אז די ארבייטער וועלען צוריקגעהן צו
דער ארבייט בעפאר זיי וועלען האבען
דערצילט א פולען זיג. טראץ אלע מיט־
לען, וואס די פירמע ווענדט אן צו צו־
ברעכען דעם גוטען און בראווען קאמף
ספיריט פון די סטרייקער, געהט דער
קאמף מיט ענטשלאסענהייט ווייטער אן.

די מיטגלידער פון לאקאל 38 זיינען
הונדערט פראצענט סאלידאריזירט מיט
די סטרייקענדע מעמבערס. די פירמע
האט שוין דערווייל פארלארען די אר־
בייט אין דער צייט פון דער גרעסטער
ביזי. זי האט געספענט גרויסע סומען
געלט פאר איהר סטרייק־ברעכער אפאר־

(שלוס אויף זייט 11)

טאר שעפער. ענדליך, האט מען זיך לעצטען יאהר געאייניגט אין קליוו־
לאנד אויף א פלאן, לויט וועלכען די מאנופעקטשורערס און די קאנטראק־
טארס צאהלען איין פראצענט פון זייערע פעיראלס, אין א ספעציעלען פאנד,
און דיזער פאנד ווערט באנוצט בלויז פאר אזעלכע ארבייטער אין די קאנ־
טראקטארס' שעפער, וואס קריגען ניט קיין פולע 40 וואכען ארבייט. דער
פאנד ווערט פארוואלטעט פון דער יוניאן, און, לויט ווי מען מעלדעט אונז,
האט דיזער פלאן געארבייט אויסגעצייכענט אין פארלויף פון לעצטען יאהר.

* * *

מיר באגריסען די קליוולאנדער קלאוק מאכער און זייער ארגאניזאציע
מיט דיזען שעהנעם אויפטו, וואס איבערצייגט אונז אלעמען ווידעראמאל,
אז די קליוולענדער מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל האבען א ווירק־
זאמע, איינפלוסרייכע יוניאן מיט וועלכער מען רעכענט זיך אין דער אינ־
דוסטריע און וועלכע ווייס ווי צו פארטיידיגען זייערע אינטערעסען יאהר
איין און יאהר אויס. די פיהרער פון דער קליוולענדער יוניאן, וויים־פרע־
זידענט קרייטזלער, בר. צב. קאטאווסקי און בר. לואיס פריינד, האבען, פון
זייער זייט, פילעס ביינעטראגען צו מאכען פון דער דארטיגער ארגאניזאציע
[illegible] פון די [illegible] יוניאנס וואס מיר פארמאגען איבער'ן גאנצען לאנד.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Journal

Published every other Friday by the Int'l Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication: 76 MONTGOMERY ST., Jersey City, N. J.

General Office: 3 W. 16th ST., NEW YORK, N. Y. Tel. Chelsea 2148

BENJ. SCHLESINGER, President — A. BAROFF, Secretary-Treasurer

MAX D. DANISH, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. X. No. 34. Jersey City, N. J., Friday, November 16, 1928

Entered as Second Class matter, Aug. 7, 1928 at Postoffice at Jersey City, N. J. under the Act of August 24, 1912

Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

עדיטאָריעלס

די לאָקאַלע עקזעקוטיוועס נעמען זיך צו דער אַרבייט.

די רייהע קאָנפערענץ-מיטינגען, וואָס פּרעזידענט שלעזינגער האָט אין פאַרלויף פון דער פאַרגאַנגענער וואָך אָפּגעהאַלטען מיט אַלע עקזעקוטיוו באָארדס פון די קלאָוקמאַכער לאָקאַלען אין ניו יאָרק, זיינען, אָהן צווייפעל, די וויכטיגסטע אָרגאַניזאַציאָנס פּאַסירונגען אין לעבען פון דער יוניאָן זינט דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד האָט געשלאָסען זיינע זיצונגען. דיזע קאָנפערענץ, אויסערדעם וואָס זיי זיינען געווען גלענצענד באַזוכט און האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַ באַזונדערער וואַרימקייט און ערנסטקייט, האָבען זיך כמעט אויסשליסליך פאַרנומען מיט אַ גענויער אָפּשאַצונג פון דער איצטיגער לאַגע אין דער ניו יאָרקער קלאָוק אינדוסטריע און האָבען פאַר שטונדען לאַנג דיסקוטירט באַצייטענס די פּראָגראַם און די פּלענער, וואָס פּרעזידענט שלעזינגער האָט פאַרגעבראַכט פאַר די עקזעקוטיוו באָארדס בנוגע דער שטעלונג וואָס די יוניאָן דאַרף נעמען אין דער נאָהענטער צוקונפט, ווען די פראַגע פון באַנייען דעם אַגרימענט אין דעם קלאָוק טרייד וועט אַוועקגעשטעלט ווערען אויפ'ן טאָג-אָרדנונג.

* * *

עס פאַרבלייבט אין גאַנצען בלויז אַ וואָסערע זעקס מאָנאַטען — איין סיזאָן — ביז וואַנען דער אַגרימענט אין קלאָוק טרייד וועט אויסגעהן, און די פאַרהאַנדלונגען מיט די באַלעבאָטים, ווי אימער, וועלען זיך דאַרפען אָנפאַנגען מיט עטליכע מאָנאַטען פריהער איידער דער אַגרימענט געהט אויס. אַזוי אַרום הייסט עס, איז דיזע גרויסע, ברענענדיגע פראַגע שוין ביי אונז אויפ'ן שוועל, און וואָס קלעהרער און שנעלער די פיהרערשאַפט פון דער יוניאָן צוזאַמען מיט דער רענק-און-פייל קלאָוקמאַכער וועט פאַסען אַ פּראָגראַם פון פאָדערונגען און באַשליסען ביי זיך צו שטעהן שטאָל און אייזען פאַר זייערע פאָדערונגען, אַלץ געזינטער און פעסטער וועט אונזער קאַמפּס ליניע זיין ווען מיר וועלען זיך דאַרפען באַגעגענען מיט די באַלעבאָטים פּנים אל פּנים.

מאַקע גאָר אין גיכען וועלען צוליב דעם גערופען ווערען, ערשטענס, ספּעציעלע מיטינגען פון שאַפּ-טשערליים און אַקטיווע מעמבערס, און, גלייך נאָכדעם, גרויסע דיסטריקט מיטינגען, וואו די אויסגעאַרבייטע פאָדערונגען וועלען דיסקוטירט און באַשטימט ווערען פון דער גרויסער מיטגלידערשאַפט. מיט איין וואָרט, די פיהרערשאַפט פון דער יוניאָן, אַריינגערעכענט פּרעזידענט שלעזינגער, די פיהרער פון דזשאָינט באָארד צוזאַמען מיט די לאָקאַלע עקזעקוטיוו באָארדס, איז פעסט אַנטשלאָסען, אַז די פאָדערונגען און די פּראָגראַם פון דער יוניאָן, ווען עס וועט קומען צום מאָמענט פון באַנייען דעם אַגרימענט אין די קלאָוק שעפּער, זאָלען זיין דער אויסדרוק פון דעם ווילען פון די מאַסען קלאָוקמאַכער אין דעם פולסטען און שעהנסטען זינען פון וואָרט, אין אַנקלאַנג מיט די אַלטע און בעסטע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון אונזער יוניאָן.

און אויב עס זאָל קומען צו אַ קאַמף, אויב עס זאָל נויטיג זיין, כדי צו פאַרטיידיגען דעם לעבען און די עקזיסטענץ פון אונזערע אַרבייטער, אַרויסצוטרעטען עפענטליך אין אַ שלאַכט מיט די באַלעבאָטים, וועלען די קלאָוקמאַכער אויף איין מינוט ניט פאַרגעסען, אַז זייערע פאָדערונגען, זייער קאַמפּס פּראָגראַם, זיינען אויף זיי ניט אַרויפגעצוואונגען געוואָרען פון אַן אויסערדיגע פּאַרטיי אָדער פּאָליטישע קליקע, נאָר אַז דיזע פאָדערונגען און דיזע אַקציאָנס-פּראָגראַם זיינען געפּאַסט געוואָרען פון זיי זעלבסט, אַז דער קאַמף איז דער עהרליכער אויסדרוק פון זייער אייגענעם ווילען, און דיזער באַוואוסטזיין וועט זיי געבען דאָפּעלטע כוחות צו קעמפען פאַר זייערע פאָדערונגען ביז וואַנען זיי וועלען געוואונען ווערען.

* * *

דיזע באַצייטיגע פּראַקטישע פאָרבאַרייטונגס אַרבייט, וואָס ריהרט אָן אַזוי טיף יעדען אַרבייטער אין קלאָוק טרייד, האָט שוין געשאַפען אַ געזונטען איינדרוק אין די ברייטסטע קלאָוקמאַכער קרייזען, און וואָס ווייטער וועט דער אינטערעס אַלץ טיפער און ברייטער ווערען. מען רעדט און מען דיסקוטירט וועגען דעם אין די שעפּער, אויף די קאָרנערס אין „מאַרקעט", און וואו נאָר קלאָוקמאַכער טרעפען זיך צוזאַמען. מען הויבט אָן צוביס-לאַכווייז פאַרגעסען און אָפּצושטופען אָן אַ זייט די קליינטשינקע, נישטיגע סכסוכים און מיספאַרשטענדניסע; עס פיהלט זיך אין דער לופט, אַז אָט באַלד, און אין לעבען פון די קלאָוקמאַכער וועט אָנקומען אַ גרויסער, וויכטיגער מאָמענט און אַז פאַר דעם מאָמענט דאַרף מען זיין ווי געהעריג פאַרבאַרייטעט מיט אַלע מאַטעריעלע און מאָראַלע כוחות וואָס מען קען נאָר צונויפזאַמלען.

זאָל דיזער געפיהל פון אויפלעבונג זיך שטאַרקען און זאָל ער וואַקסען און באַפעסטיגען זיך אין אונזערע רייהען. צוזאַמען מיט דיזער אויפלעבונג קומט אחדות און אַ גלויבען אין אייגענע קרעפטע; צוזאַמען מיט דיזען געפיהל וואַכט אויף די אַמאָליגע הייליגע איבערצייגונג אַז בלויז דורך אַ שטאַרקער יוניאָן וועלען די קלאָוקמאַכער ווידער קענען אויפהויבען שטאָלץ דעם קאָפּ און ווידער פאַרנעמען זייער ווירדיגען פּלאַץ אין דער אַרבייטער באַוועגונג פון לאַנד.

אַ וויכטיגע אַנטשיידונג געגען קלאָוק דזשאָבערס.

דער אימפּאַרשעל טשערמאַן פון דער קלאָוק אינדוסטריע, מר. אינגערסאָל, האָט לעצטע וואָך אַרויסגעגעבען זייער אַ וויכטיגען פּסק צו גונסטען דער יוניאָן. מערקווירדיג איז, אַז אין אַ פּאָר צייטונגען, צוליב אומוויסענהייט אָדער מאַקע מיט אַ כיון, איז דיזע אַנטשיידונג פאַרטייטש געוואָרען אַלס אַ „דורכפאַל" פאַר דער יוניאָן, אַבוואָהל מר. אינגערסאָל דערקלעהרט אין זיין סטייטמענט אין פּליינע דבורים, אַז די יוניאָן איז פאָלקאָמען גערעכט און אַז ער איז אינגאַנצען איינשטימיג מיט איהר שטעלונג.

* * *

[illegible] אַ קלאַגע, וואָס דזשענעראַל מענעדזשער

בר. נאַגלער האָט אַריינגעבראַכט געגען אַ געוויסער באַקאַנטער קלאָוק דזשאָבער פירמע, אַז זיי האָבען געקויפט פאַרטיגע, אויפגעמאַכטע וואַרע פון אַ ניט-יוניאָן שאַפּ און אַז דיזע פירמע, וואָס באַלאַנגט צו דער דזשאָבערס אַסאָסיאיישאָן, האָט דערמיט פאַרלעצט דעם אַגרימענט צווישען דיזער אַסאָסיאיישאָן און דער יוניאָן. האָט די פירמע גע'טענה'ט, אַז לויט דעם אַגרימענט טאָר זי בלויז ניט באַשטעלען קיינע אָרדערס אין אַ ניט-יוניאָן שאַפּ, אָדער שיקען אין אַזאַ שאַפּ רויע שטאָף פון וועלכע מען זאָל אויפמאַכען קלאָוקס; זי מעג, אָבער, קויפען קלאָוקס סתם אַזוי אין „אָפּענעם מאַרקעט", סיי פון יוניאָן שעפּער און סיי פון ניט יוניאָן שעפּער, אַזוי לאַנג ווי זי באַשטעלט ניט פאָראויס, אַז דיזע גאַרמענטס זאָלען ספּעציעל פאַר איהר אויפגעניהט ווערען.

אויף דיזער טענה ענטפערט מר. אינגערסאָל אין אַ לאַנגען און אויספיהרליכען באַשלוס, אַז לויט דער פאַרשרייבונג פון אַגרימענט טאָר אַ יוניאָן דזשאָבער ניט האָבען קיין מגע ומשא מיט אַ ניט-יוניאָן שאַפּ, סיי דורך באַשטעלען קלאָוקס פאָראויס און סיי דורך דעם, וואָס ער וועט קויפען פאַרטיגע קלאָוקס נאָך דעם ווי זיי זיינען אויפגעניהט געוואָרען אין ניט-יוניאָן שעפּער. „אויב מען זאָל ערלויבען אַ דזשאָבער צו קויפען ניט-יוניאָן געמאַכטע קלאָוקס אין „אָפּען מאַרקעט", זאָ צו זאָגען," באַמערקט מר. אינגערסאָל, „קען דאָך אַזאַ דזשאָבער גאַנץ רוהיג באַשטעלען ביי אַ ניט-יוניאָן באַלעבאָס שטילערהייט אַז ער זאָל פאַר איהם אויפמאַכען זיינע קלאָוקס פאַר'ן סיזאָן, און נאָכדעם מאַכען דעם אָנשטעל, אַז ער האָט כלומר'שט געקויפט פאַרטיגע גאַרמענטס; דאָס וואָלט דאָך אויגענשיינליך געווען אומעהרליך, און עס וואָלט געשאַפען סכסוכים אָהן אַ צאָל צווישען דער יוניאָן און אַזעלכע דזשאָבערס".

די איינציגע און עהרליכע אויסטייטשונג פון אַגרימענט, פאַרענדיגט מר. אינגערסאָל, איז דאַרום, אַז די קלאָוק דזשאָבערס מוזען פיהרען געשעפטען בלויז מיט מאַנופעקטשורערס און סאָב-מאַנופעקטשורערס, וואָס האַלטען אויף אָנערקענטע יוניאָן שעפּער.

* * *

מר. אינגערסאָל'ס שאַרפער און קלאָהרער באַשלוס שאַפט אָפּ, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, דעם פאַלשען באַגריף, אַז דזשאָבערס האָבען, לויט דעם אַגרימענט, אַ רעכט צו קויפען פריי און אומגעשטערט סקעב קלאָוקס אין מאַרקעט. קעגען דיזען באַגריף האָט די יוניאָן געקעמפט שוין יאָהרען נאָכאַנאַנד, און דאָס איז נאַטירליך ניט דעם ערשטען מאָל, וואָס די יוניאָן האָט געבראַכט אַ קלאַגע קעגען אַ יוניאָן דזשאָבער פאַר קויפען קלאָוקס פון סקעב מאַנופעקטשורערס אָדער קאָנטראַקטאָרס. ביז איצט, אָבער, איז דער יוניאָן קיינמאָל ניט געלונגען צו מאַכען פון דעם אַ שאַרפע „קייס", ווייל אין מעהרסטע פעלע פלעגט דער דזשאָבער זיך אויסדרעהען מיט תירוצים, אַז ער האָט ניט געוואוסט אַז דער מאַנופעקטשורער איז אַ סקעב באָס, אָדער, אַז ער האָט בלויז געקויפט „סעמפּעלס" און ניט רעגעלע סטאַק.

אין דיזען לעצטען פאַל האָט, אָבער, דער דזשאָבער צוגעגעבען, אַז ער האָט געקויפט פון אַ ניט-יוניאָן שאַפּ, און די גאַנצע פראַגע איז דאַרום גלייך פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּרינציפּ פראַגע, אויב דער אַגרימענט ערלויבט אַזאַ האַנדלונג, אָדער ניט. דאַרום איז טאַקע דיזע אַנטשיידונג אַזוי וויכטיג פאַר דער יוניאָן און פאַר דער גאַנצער אינדוסטריע, ווייל זי שטעלט אַוועק אַ פּרעצעדענט מיט וועלכען די דזשאָבערס וועלען זיך דאַרפען ווי געהעריג רעכענען אין דער צוקונפט.

* * *

זיכער, וועט דיזע פעסטע אַנטשיידונג פון אימפּאַרשעל טשערמאַן צוניץ קומען דער יוניאָן גאַנץ נאָהענט אין דער צוקונפט, ווען עס וועט זיך האַנדלען ביים באַנייען די אַגרימענטס מיט אַלע באַלעבאַטישע אַסאָסיאיישאָנס אין דעם קלאָוק טרייד. שטיצענדיג זיך אויף דיזען באַשלוס וועט די יוניאָן זיין בכוח צו פאָדערן, אַז דיזער פּונקט אין אַגרימענט וואָס האָט צו טאָן מיט די פאַרפליכטונגען פון דזשאָבערס זאָל קלאָהר און דייטליך פאַרוועהרען זיי צו פּראָדוצירען, באַשטעלען אָדער קויפען אין „אָפּענעם מאַרקעט" אירגענד וועלכע קלאָוקס פון אירגענד וועלכען ניט-יוניאָן מאַנופעקטשורער, סאָב-מאַנופעקטשורער אָדער קאָנטראַקטאָר. קיינע תירוצים אָדער דריידלאַך וועלען דאַן ניט העלפען, און די דזשאָבערס וועלען מוזען אָנערקענען, אַז קיין „פיפטי-פיפטי" ביזנעס וועט דאָ ניט אָנגעהן, און אַז זיי וועלען מוזען דעם אַגרימענט עהרליך נאָכקומען.

גוטע נייעס פון קליוולאַנד

ס'איז אָנגעקומען אַ פרעהליכע נייעס פון קליוולאַנד, אַז דער דאָרטיגער קלאָוקמאַכער דזשאָינט באָארד האָט מיט עטליכע טעג צוריק באַנייט דעם אַגרימענט מיט דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן אויף נאָך אַ יאָהר אויף די זעלבע אַרבייטס-קאָנדישאָנס ווי פריהער.

קיין באַזונדערע איבעררעשונג איז אין דער נייעס, נאַטירליך, ניטאָ. מען איז שוין צוגעוואוינט צו הערען פון קליוולאַנד, אַז די יוניאָן קריגט פון די דאָרטיגע קלאָוק מאַנופעקטשורערס איין יאָהר נאָכ'ן צווייטען יוניאָנמעסיגע אַגרימענטס און אָנשטענדיגע אַרבייטס-קאָנדישאָנס. פונדעסטוועגען, האָט מען האַי-יאָהר ביי אונז ערוואַרטעט, אַז די קאָנפערענצען צווישען דער קליוולאַנדער אַסאָסיאיישאָן און דער יוניאָן וועלען זיך פאַרציהען און אַז די באַלעבאָטים וועלען זיך פיליכט פאַר'עקשנ'ען און וועלען מאַכען אַ פאַרזוך עטוואָס אַרונטערצודינגען פון די ביז-איצט איינגעשטעלטע אַרבייטס-באַדינגונגען אין די שעפּער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פיליכט וועט זיך די קליוולענדער באַלעבאָטים, וויסענדיג אַז די לאַגע פון דער אינטערנעשאָנאַל אין ניו יאָרק ספּעציעל איז אַ מעהר אונטערדריקטע ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען, פאַרגלוסטען אָפּצולעקען אַ ביינדעל, אַזוי צו זאָגען, אויף דעם חשבון פון די אַרבייטער. אויסגעלאָזען האָט זיך, אָבער, אַז דער אַגרימענט איז באַנייט געוואָרען מיט אַ מאָנאַט פריהער איידער ער איז אויסגעגאַנגען, און אַלעס איז פאַרבליבען ווי פריהער, צוזאַמען מיט דער „טיים גאַראַנטי" פון 40 וואָכען אַרבייט און מיט דעם אַרבייטסלאָזען פאָנד וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין קליוולענדער קלאָוק טרייד דאָ ערשט מיט אַ יאָהר צוריק.

* * *

וועגען די לעצטע צוויי פּונקטען ווילען מיר דאָ זאָגען אַ פּאָר ווערטער:

אין קליוולאַנד איז די „טיים גאַראַנטי" ניט בלויז אַ צוזאָג, אַז די באַלעבאָטים וועלען זיך סטאַרען צו געבען די אַרבייטער ביי זיי אין די שעפּער 40 וואָכען אַרבייט אַ יאָהר, נאָר טאַקע אַ געזעץ וואָס איז באַוואָרענט מיט אַ סעקיוריטי פון 10 פּראָצענט פון דער פּעיראָל וואָס איטליכער מאַנופעקטשורער דעפּאָזיטעט אין אַ ספּעציעלען פאָנד. אין פאַל אַ באַלעבאָס גיט ניט זיינע אַרבייטער די פולע 40 וואָכען, קריגען זיי פון דעם פאָנד אויסגעצאָהלט אַ העלפט ווייכדזשעס פאַר די וואָכען וואָס זיי קריגען ניט קיין אַרבייט. נאַטירליך, טרייט יעדער באַלעבאָס דאָס בעסטע צו געבען זיין שאָפּ דעם מאַקסימום אַרבייט, ווייל ער ווייס אַז אויב ניט וועט עס איהם קאָסטען טייערער.

ביז לעצטען יאָהר האָט דיזער פאָנד אַריינגענומען די קאָנטראַקטאָרס אַזוי גוט ווי די מאַנופעקטשורערס. די יוניאָן האָט זיך, אָבער, פאַראַיאָהרען געכאַפּט, אַז די 10-פּראָצענטיגע וואָס פלעגט אַריינקומען פון די קאָנטראַקטאָרס פלעגט ניט סטייען צו דעקען דעם דעפיציט פון די ניט-דעראַרבייטע וואָכען ביי זיי אין די שעפּער. דער קליוולענדער דזשאָינט באָארד האָט דאַרום געפאָדערט אַז די אינדוסטריע זאָל איינפיהרען אַ [illegible] פאָנד וואָס זאָל פאַרזיכערען די „טיים-גאַראַנטי" אויך [illegible]

ב. מיכאַלעוויטש (יוסף איזביצקי)

1876—1928

(פון דער „נייער פאלקסצייטונג", אקטאבער 31טען, 1928)

דער אמת'ער נאָמען פון ח' ב. מיכאַלעוויטש איז יוסף איזביצקי. ער איז געבוירען געוואָרען אין בריסק אין דעצעמבער 1876. זיין פאָטער מרדכי איז געווען א שלאָסער-מעכאַניקער און האָט געהערט צו די געצעהלטע אידישע אַרבייטער אויף דער באַהן, וואו ער האָט געאַרבייט אַלס געהילפס-מאַשיניסט. ווען ס'האָבען זיך אָנגעהויבען די רדיפות אויף אידען פאַר די צייטען פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטען האָט מען דעם פאָטער באַזייטיגט פון דער ארבייט אויף דער באַהן. די אָרטיגע באַהן-דירעקציע, ביי וועלכע ער איז געווען זעהר באַליבט, האָט זיך משתדל געווען אין מאָסקווע מ'זאָל מאַכען פאַר איהם אַן אויסנאַם און איבערלאָזען אויף דער שטעלע; ס'האָט אָבער געהאָלפען בלויז טיילווייז; מ'האָט איהם צייטווייליג איבערגעלאָזט בלויז אַלס נישט-שטענדיגען ארבייטער; אָבער גאַר אייניגע האָט מען איהם אינגאַנצען באַזייטיגט.

דער קליינער יוסף האָט באַקומען א טראַדיציאָנעלע אידישע דערציהונג. ביז א יאָהר 13—14 איז ער געגאַנגען אין חדר; ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט גרויסע פעהיגקייטען און זיינע רעליגיעזע עלטערען האָבען געהאָפט, אַז זייער איינציגער זוהן וועט אויסוואַקסען א רב. איהם האָט אָבער גענומען ציהען אין אַן אַנדער וועלט. צו 12 יאָהר האָט ער זיך גענומען לערנען אַלגעמיינע לימודים. זיין עמפינדליכע נשמה ווערט אָנגעשטעקט מיט דער דעמאָלטיגער חבת-ציון באַוועגונג; ער ווערט א הייסער אָנהענגער פון „חובבי שפת עבר" (ליבהאָבער פון דער העברעאישער שפראַך), רעדט אַליין העברעאיש און אַגיטירט הייס פאַר חבת ציון; ער האָט אפילו באַשלאָסען ביי זיך צו פאָהרען קיין פאַלעסטינע. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך געגרייט אָנקומען אין ווילנער לעהרער-אינסטיטוט און זיך אָפּגעבען צו פאַרשפּרייטען בילדונג צווישען די אידישע מאַסען.

אָבער גאָר גיך האָבען אַנדערע ווינטען גענומען בלאָזען אויף דער אידישער גאַס און דער יונגער ציון-טרוימער ווערט פאַרכאַפּט פון סאָציאַליסטישען אידעאַל. אין בריסק האָט עקזיסטירט א סאָציאַליסטישער קרייזעל, צו וועלכען ס'האָבען געהערט אויך די עלטערע צוויי שוועסטער פון ח' מיכאַלעוויטש. פון אָנהויב פלעגט ער אפילו פיהרען הייסע דיסקוסיעס מיט די סאָציאַליסטען און זיך בשום אופן נישט געוואָלט אָפּזאָגען פון זיין ציוניסטישען אידעאַל. אָבער בישלאַכווייז איז ער אַלץ מעהר דורכגעדרונגען געוואָרען מיט דער נייער אידעע און זייענדיג א יאָהר 18 האָט ער זיך שוין באַקערט צום סאָציאַליזם און איז אריינגעטראָטען אין ערשטען סאָציאַליסטישען קרייזעל אין בריסק.

לויט ווי ער דערצעהלט אַליין אין ערשטען באַנד פון זיינע „זכרונות פון א אידישען סאָציאַליסט" (פאַרלאַג „לעבענס-פראַגען", וואַרשע 1921), האָט א דעצידירענדיגע ווירקונג אויף זיין גאַנצען ווייטערדיגער לעבען געהאַט א קליין אומלעגאַל בראָשור פון עטליכע בלעטלאַך — „די רעדע פון סאָפיאַ באַרדינאַ", איינע פון די באַשולדיגטע אין באַריהמטען פּראָצעס פון 193 נאַראָדאָוואָלצעס (אין יאָהר 1977).

זיך אָנגעשלאָסען אַן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט ער תיכף מיט'ן גאַנצען פלאַם פון זיין נשמה גענומען אַרבייטען פאַר'ן סאָציאַליסטישען אידעאַל. געוואָרען איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון די „צאַר בעלי חיים"-קרייזלאַך, ווי די בירגערליך-באַלעבאַטישע וועלט האָט אין בריסק גערופען די סאָציאַליסטישע גרופּען. ער האָט באַלד פאַרנומען אַן אָנפיהרענדיגען אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע; האָט אָרגאַניזירט קרייזלאַך, פּאַך-קאַסעס, פלעגט אַרויסטרעטען אויף די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען, פיהרען פּראָפּאַגאַנדע אין די קרייזלאַך.

די באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר צעוואַקסען, האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָדט; די „פני" האָבען זיך גענומען צום קאַמף נעגען די „פושעים", די „צאַר בעלי חיים'ניקעס"; לכתחילה פלעגט מען אָנרייצען אויף זיי די לאַבוסעס, די וואָוילע יונגען, מיט וועלכע ס'פלעגען פאָרקומען פאָרמעלע געשלעגען; מיט דער צייט האָבען אָבער די לאַבוסעס באַקומען מורא פאַר די אָרגאַניזירטע אַרבייטער, וועמעס כח ס'איז געוואַקסען מיט יעדען טאָג; האָבען דעמאָלט די „שעהנע אידען" זיך גענומען צו מסירות פאַר דער פּאָליציי. די לעצטע האָט גענומען רודפ'ען די סאָציאַליסטען, דורכפיהרען רעוויזיעס, אַרעסטען. צו יענער צייט — די יאָהרען 1896-7 — [illegible] פּאָפּולער אין בריסק, די גאַנצע שטאָדט האָט גערעדט וועגען זיין טעטיגקייט; זעלבסטפאַרשטענדליך, האָט די פּאָליציי אויף איהם געוואָרפען אַן אויג, געוואָלט איהם אַרעסטירען און ער האָט געמוזט (זומער 1897) אַנטלויפען פון בריסק קיין וואַרשע.

אין בריסק האָט ער שוין אָבער איבערגעלאָזען א ברייט פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע. נאָך פאַר זיין אַנטלויפען פון דאָרטען איז שוין די אָרגאַניזאַציע געווען פאַרבונדען מיט ווילנע און ביאַליסטאָק. די ווילנער גרופּע אידישע סאָציאַליסטען האָט שוין דעמאָלט צוגעגרייט דעם ערשטען צוזאַמענפאָהר פון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, אויף וועלכען עס איז געגרינדעט געוואָרען (אָקטאָבער 1897) דער „בונד"; קיין בריסק איז דעמאָלט געקומען דער הויפּט-אָרגאַניזאַטאָר פון צוזאַמענפאָהר, ה. אַרקאַדי קרעמער (אַלעקסאַנדער), און איינפאַרמירט די אָרטיגע אָרגאַניזאַציע וועגען די צוגרייטונגען צום צוזאַמענפאָהר. ס'איז אָבער דעמאָלט גראָד געווען די צייט פון מורא'דיגע רדיפות און אַרעסטען; די בעסטע טוער מיט'ן ח' מיכאַלעוויטש בראש האָבען געמוזט פאַרלאָזען די שטאָדט און בריסק איז דריבער אויפ'ן 1טען צוזאַמענפאָהר פון „בונד" נישט געווען פאַרטראָטען.

אין וואַרשע האָט ח' מיכאַלעוויטש זיך צונויפגעטראָפען מיט א גרויסער גרופּע אידישע סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען דאָ געווען טעטיג צווישען די אידישע אַרבייטער; ער טרעט אַריין אין דער אַרבייט און גיט זיך איהר אָפּ מיט לייב און זעל. ער קאָן אָבער דאָ לאַנג נישט פאַרבלייבען: די בריסקער זשאַנדאַרמעריע האָט פאַנאַנדערגעשיקט א צירקולאַר מיט די נעמען פון א רייהע פערזאָנען, וועלכע מען דאַרף אַרעסטירען. אין דער רשימה איז אויך געווען ח' מיכאַלעוויטש. מ'האָט איהם טאַקע גענומען אַרומזוכען. אייניגע פון זיינע בריסקער חברים זיינען אַרעסטירט געוואָרען אין מיטען טאָג. ער איז געצוואונגען געווען אָפּצופאָהרען פון וואַרשאַ קיין ביאַליסטאָק (סוף יאָהר 1897), וואו מ'האָט געקענט לייכטער וואוינען ניט איינגעמאָלדען ווי אין וואַרשע און נישט אַזוי מורא האָבען פאַר'ן צירקולאַר פון דער בריסקער זשאַנדאַרמעריע.

אין ביאַליסטאָק האָט זיך פאַר איהם געעפענט א גאַר נייע וועלט. דאָ האָט ער זיך באַקענט מיט גאַר נייע מענשען און נייע פאָרמען פון דער ארבייט. דאָ האָבען זיך געפונען אייניגע טויזענט אידישע וועבער-אַרבייטער, ס'האָט עקזיסטירט א שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, ס'זיינען שוין פריהער (נאָך אין יאָהר 1895) פאָרגעקומען גרויסע סטרייקען פון עטליכע און צוואַנציג טויזענט אידישע און קריסטליכע וועבער. פאַר איהם האָט זיך געעפענט א ברייט פעלד פון סאָציאַליסטישער אַרבייט. ער ווערט די נשמה פון דער ברייט-פאַרצווייגטער אָרגאַניזאַציע און ווערט פון איהר דעלעגירט אויפ'ן צווייטען צוזאַמענפאָהר פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען די ערשטע טעג סוכות (1898) אין קאָוונע. דער דאָזיגער צוזאַמענפאָהר איז פאָרגעקומען נאָכ'ן גרויסען אַרעסט וואָס דער צאַרישער הויפּט-זאַכראַניק זובאַטאָוו פון מאָסקווע האָט דורכגעפיהרט אין גאַנצען ראַיאָן פון „בונד". ס'זיינען דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרען אַלע מיטגלידער פון צ. ק. פון „בונד", וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען אויפ'ן ערשטען צוזאַמענפאָהר; ס'האָט געדראָהעט א געפאַהר די אָרגאַניזאַציעס זאָלען צופאַלען ווערען, און ח' מיכאַלעוויטש איז געווען צווישען די געצעהלטע, וועלכע האָבען זיך גענומען צוריק אויפשטעלען אַלע פאַרבינדונגען; ער פאָהרט אַוועק קיין ווילנע און אָרדענט איין ווי נישט איז א שטיקעל דרוקעריי ערגעץ אויף א סאַלקע אין שניפּישאָק (א פאָרשטאָדט פון ווילנע) און דרוקט אָפּ א פּראָקלאַמאַציע וועגען גאָר וואָס פאַרענדיגטען גרויסען סטרייק פון 10,000 וועבער אין ביאַליסטאָק. אויף דער פּראָקלאַמאַציע איז געווען אָנגעגעבען: „געדרוקט אין דער דרוקעריי פון „בונד"."

דאָס איז געווען ס'ה א צוויי-דריי וואָכען נאָכ'ן גרויסען אַרעסט, ווען ס'איז אַרעסטירט געוואָרען אין באָברויסק די דרוקעריי פון „בונד" מיט'ן נומער 9—10 פון צענטראַל-אָרגאַן די „אַרבייטער שטימע"; מ'האָט געמיינט — און זובאַטאָוו איז געווען זיכער דעריין — אַז דער „בונד" איז שוין ליקווידירט; און מיט אַמאָל אַזאַ איבעראַשונג: שוין א נייע דרוקעריי פון „בונד"! ביי די אַרבייטער האָבען די אויגען געשטראַהלט פון שמחה: דער „בונד" לעבט, דער „בונד" [illegible] מירטע, וועלכע זיינען געזעסען דעמאָלט אין מאָסקווער תפיסה, האָבען דערצעהלט, האָט זובאַטאָוו פשוט קראַפּירט פון ערגערניש.

דער צווייטער צוזאַמענפאָהר פון „בונד" האָט צוריק אויפגעלעבט די אַרבייט. ח' מיכאַלעוויטש האָט אומערמידליך געאַרבייט אינ'ם וויכטיגסטען אַרבייטער צענטער ביאַליסטאָק און גאַנצען ראַיאָן; די באַוועגונג איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסען, מ'האָט שוין נישט געקאָנט אונטערהאַלטען די פאַרבינדונגען בלויז דורך אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען און קרייזלאַך; דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון „בונד" האָט באַשלאָסען אַרויסצוגעבען אַן אייגענעם אָרגאַן „ביאַליסטאָקער אַרבייטער". ח' מיכאַלעוויטש האָט אַליין אויסגעפילט דעם גאַנצען נומער מיט אַרטיקלען, נאָטיצען און קאָרעספּאָנדענצען; ער האָט שוין דעמאָלט געוואוינט אויף אַן אומלעגאַלען פּאַספּאָרט, אין א קאָנספּיראַטיווער דירה ערגעץ אין א פאַרוואָרפען געסעל; ביי איהם אין דירה האָט ער אויך צונויפגעזאַמעלט שריפט אויף א זעצעריי פאַר'ן נומער, דעם שריפט פלעגען איהם איבערגעבען די חברים-זעצער, וועלכע האָבען געאַרבייט אין די לעגאַלע דרוקערייען. ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיג צום דרוקען, האָט ח' מיכאַלעוויטש זיך דערוואוסט, אַז ער ווערט נאָכגעשפּיאָנירט, זיין קאָנספּיראַטיווע דירה איז דורכגעפאַלען און ער האָט געמוזט א לענגערע צייט זיך אויסבאַהאַלטען ערגעץ אַנדערש און לסוף אַנטלאָפען פון ביאַליסטאָק. דער ערשטער נומער „ביאַליסטאָקער אַרבייטער" איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרען אין אויסלאַנד צוזאַמען מיט'ן נ. 13 „אַרבייטער שטימע".

נאָכ'ן דורכפאַל אין ביאַליסטאָק האָט ער א לענגערע צייט זיך אויסבאַהאַלטען אין א גוט אין די ביעלאָוועזשער וועלדער; ער האָט ביים אייגענטימער פון גוט פאַרנומען דעם פּאָסטען פון א לעהרער פאַר זיינע קינדער. אויפ'ן דאָזיגען פּאָסטען האָט איהם רעקאָמענדירט זיינער א באַקאַנטער, א סימפּאַטיקער פון „בונד". לאַנג אויסבאַהאַלטען זיך איז איהם אָבער אויך דאָ נישט געלונגען. אין די ביעלאָוועזשער וועלדער פלעגט פון צייט צו צייט אַראָפּפאָהרען אויף יאַגד דער צאַר ניקאָלאַי מיט זיין סוויטע; א צייט פאַר'ן אָנקומען פון צאַר פלעגט די פּאָליציי נעמען אונטער א שטרענגער אויפזיכט די גאַנצע געגענט, מ'פלעגט נעמען בודק זיין יעדען איינוואוינער פון וואַנען ער איז און וואָס ער טוט. די פּאָליציי איז געפאַלען אויף די שפּורען פון'ם „פאַרדעכטיגען" לעהרער און ער האָט געמוזט פון גוט אַנטלויפען.

געקומען איז ער (אין יאָהר 1899) קיין וואַרשע און זיך גלייך אריינגעוואָרפען אין די שטורמישע כוואַליעס פון דער באַוועגונג, וואָס האָט געברויזט מיט א געוואַלטיגען אימפּעט. פאַרשיידענגעשטאַלטיג איז דאָ געווען זיין אַרבייט: כסדר אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען, קרייזען און דיסקוסיעס, געשריבען אויפרופען, פּראָקלאַמאַציעס, צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט א נייעם אָרגאַן „וואַרשעווער אַרבייטער", וועלכער האָט באַדינט די גראַנדיעזע באַוועגונג פון גרעסטען אידישען אַרבייטער-צענטער. אין דער זעלבער צייט פלעגט ער זיך טרעפען מיט י. ל. פּרץ און א סך אַנדערע ראַדיקאַל געשטימטע שריפטשטעלער. פּרץ האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזען גרויסע סימפּאַטיעס צו דער אידישער אַרבייטער-באַוועגונג; אונטער דער ווירקונג פון אַזעלכע אידישע סאָציאַליסטען ווי מעכאַלעוויטש האָט פּרץ זיך גערוקט אַלץ מעהר לינקס; אויף די דיסקוסיעס, וואָס פלעגען איינגעאָרדענט ווערען מיט די ציוניסטען פלעגט פּרץ צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטען בייסיג און שאַרפזיניג באַקעמפען די ציוניסטישע אוטאָפּיעס. צוזאַמען מיט'ן פאַרשטאָרבענעם און נאָך אייניגע אידישע סאָציאַליסטען האָט פּרץ געלאָזט באַנייען זיינע „יום-טוב בלעטלאַך", וועלכע האָבען געהאַט אַזאַ ערפאָלג ביי די אַרבייטער און אַרויסגעבען זיי אין דער פאָרם פון א חודש-זשורנאַל. אין דער רעדאַקציע-קאָלעגיע איז צוזאַמען מיט פּרצ'ן געווען אויך ח' מיכאַלעוויטש. צוליב'ן אַרעסט פון י. ל. פּרץ אויף אַן אומלעגאַלען ליטעראַרישען אָוונט, וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען לטובת די סטרייקענדיגע קאָמאָשען-מאַכער איז פון דער אונטערנעמונג מיט'ן חודש-זשורנאַל גאָרנישט אַרויסגעקומען.

ווינטער 1899 ווערט ער אין וואַרשע אַרעסטירט אויף אַן אומלעגאַלער פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג פון א 3—4 הונדערט מאַן, וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען אונטער דער פירמע פון א „תנאים" אין א לעדיגער דירה אויף נאַוואָליפּקי. די „תנאים" זיינען דורכגעפאַלען, אַלע זיינען אַרעסטירט געוואָרען און אָפּגעפיהרט געוואָרען אין פּאָליציי-צירקעל, פון וואַנען מ'האָט זיי אין א טאָג אַרום באַפרייט נאָכ'ן בודק זיין אַלעמענס פּאַפּירען און פאַרגאַנגענהייט. ביינישן (אונטער אַזאַ פּסעוודאָנים האָט דער פאַרשטאָרבענער געאַרבייט אין וואַרשע) האָט מען פאַרהאַלטען. אָבער אין א פאָר טעג אַרום אין [illegible] א „מעכער" פאַר א גוטער מטבע איהם צו באַפרייען פון פּאָליציי-צירקעל נאָך איידער דער ענין איז אַריבער צו די זשאַנדאַרמען. אין א טאָג אַרום האָבען די לעצטע זיך געכאַפּט אַז מען האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ העכט, מ'האָט תיכף דורכגעפיהרט רעוויזיעס אויף זיין אַלטער דירה און ביי אַלע זיינע באַקאַנטע און איהם שטאַרק אַרומגעזוכט. א פאָר וואָכען איז ער דעמאָלט געווען פאַרבאַהאַלטען אויף א קאָנספּיראַטיווער דירה, נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב; ס'איז באַשלאָסען געוואָרען, ער זאָל אָפּפאָהרען פון וואַרשע. א טאָג פאַר'ן אָפּפאָהרען, ווען מען איז געווען זיכער, אַז אַלע שפּורען זיינען פאַרווישט, האָט א שפּיאָן איהם דערקענט אויף דער גאַס עק נאַוואָליפּקי און קאַרמעליצקע און אַרעסטירט. דאָס איז געווען ערב נייאָהר 1900. 18 חדשים איז ער דעמאָלט אָפּגעזעסען אין 10טען פּאַוויליאָן, אין פּאַוויאַק, פון וואַנען מען האָט איהם נאָך א „בונט" פון די אַרעסטירטע און נאָכ'ן אָפּזיצען דערפאַר 8 טעג אין א פינסטערען קאַרצער, איבערגעפיהרט אין ראַדאָמער תפיסה.

די 18 חדשים תפיסה, די וואָגלענישען און אָנגעשטרענגטע אומלעגאַלע אַרבייט האָבען איינגאַנצען רואינירט זיין געזונט. די צאַרישע זשאַנדאַרמען האָבען איהם געמאַכט א „חסד" און פאַרשיקט בלויז קיין פּאָלטאַווע אויף 5 יאָהר פּאָליציי-אויפזיכט. אין פּאָלטאַווע איז דעמאָלט געווען א גרויסע קאָלאָניע פאַרשיקטע פון די בעסטע עלעמענטען פון דער רוסישער אינטעליגענץ פון פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע קרייזען. דאָ האָט ער א סך געלערנט, שטודירט, געלעזען, זיך באַטייליגט אין די דיסקוסיעס פון די פאַרשיקטע, מ'האָט איהם איינגעלאַדען מיטצואַרבייטען אין „יוזשני ראַבאָטשי" (דרום אַרבייטער), וואָס די רוסל. סאָצ. דעמ. פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבען פאַר דרום-רוסלאַנד. איהם האָט אָבער געצויגען צו די ברייטע אידישע מאַסען פון תחום, צו זייערע ליידען און פריידען; און אין איין שעהנעם פריהמאָרגען, לויט דעם באַפעהל פון צ. ק. פון „בונד", אַנטלויפט ער פון פּאָלטאַווע און קומט קיין ביאַליסטאָק, וואו ס'איז דעמאָלט (אין יאָהר 1901) געווען דאָס זייד-אָרט פון צ. ק. פון „בונד".

אין ביאַליסטאָק באַטייליגט ער זיך אין דער רעדאַקציע-אַרבייט פון צענטראַלען אָרגאַן „אַרבייטער שטימע", אָרגאַניזירט דעם אינטערנאַציאָנאַלען גאַרבער-בונד און רעדאַגירט זיין אָרגאַן „דער קעמפער" אויף רוסיש און אידיש, פאָהרט אַרום איבער די גאַרבער-שטעטלאַך קרינקי, סמאָרגאָן, סקידל און אַנד.. גרייט צו דעם 25טען יובילײ-נומער פון דער „אַרבייטער שטימע", וואָס איז אויך דערשינען אין „דריי שפּראַכען". נאָכ'ן דורכפאַל פון דער קאָנפערענץ פון דער רוסל. ס. ד. אַרב.-פּאַרטיי אין ביאַליסטאָק (מערץ 1902), מוז ער פאַרלאָזען די שטאָדט. ער פאָהרט אַוועק אין א צווייטען גרויסען אַרבייטער-צענטער — אין לאָדז, פאָהרט אַרום איבער פאַרשיידענע שטעדט און פיהרט אויס פאַרשיידענע אַרבייטען אין שליחות פון צ. ק. אין אויגוסט 1902 באַטייליגט ער זיך אין דער 5טער קאָנפערענץ פון בונד אין בערדיטשעוו, וועלכע האָט אָנגענומען די באַוואוסטע רעזאָלוציע וועגען „אָרגאַניזירטער נקמה" אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עקזעקוציע אויף די מאַי-דעמאָנסטראַנטען אין ווילנע.

סוף יאָהר 1902 זעהען מיר איהם אין מינסק, וואו ער רעדאַגירט דעם אָרגאַן פון בערשטער-בונד „דער וועקער" און פיהרט אַן מיט'ן קאַמף נעגען די זובאַטאָווצעס. אָנהויב יאָהר 1903 ווערט צונויפגערופען אין דווינסק א ספּעציעלע באַראַטונג פון בונד וועגען אַנטייל אינ'ם 2טען צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדער ס. ד. פּאַרטיי.

אין יאָהר 1903 ווערט ער צום צווייטען מאָל אַרעסטירט אין מינסק אויף א גרויסער אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג לכבוד דעם 1טען מערץ, דעם טאָג, ווען ס'איז דערמאָרדעט געוואָרען (אין יאָהר 1881) דער צאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער; ער האָט דעמאָלט געוואוינט אויף אַן אומלעגאַלען פּאַספּאָרט און נאָכ'ן אָפּוואַלגערען זיך ווידער אַמאָל אין די תפיסות פון מינסק, סלוצק, מאָסקווע ווערט ער פאַרשיקט מיט'ן עטאַפּ אויף 5 יאָהר אין אַרכאַנגעלסקער גוברניע.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָבען אין יענע יאָהרען (4—1903) זיך געהויבען כסדר באַרג אַרויף; אַזאַ ברענענדיגע רעוואָלוציאָנערע נאַטור ווי ח' ביינישן האָט נישט געקאָנט בלייבען שמאַכטען אין די וויסטע שניי-מדבריות פון אַרכאַנגעלסק; אָנהויב 1905 אַנטלויפט ער פון ווייטען צפון און שטעלט זיך צוריק צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט אין רשות פון צ. ק. פון בונד".

(שלום אין קומענדען נומער)

[illegible] איהר. ווי עס האָט זיך אַנטוויקעלט די אידישע אַרבייטער באַוועגונג אין [illegible] צום די געשיכטע פון דער אינטערנ[illegible] ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, [illegible] לעווין. [illegible]

יוניאן צייט־נאטיצען

פון פ. העלין

דער סוף פון אן אנגעוועהטאג־טער פראגע

דער באשלוס פון דער פינפער קאמי־טע, וואס איז אויסגעוועהלט געווארען פון דער לעצטער באסטאנער קאנווענשאן מיט דעם רעכט צו אונטערזוכען און צו באשליסען וועגען גורל פון די ריפער מא־כערס אין ניו יארק, האט לויט אלע אר־גאניזאציאנעלע און דעמאקראטישע טרא־דיציעס באדארפט א סוף מאכען צו איי־נע פון די אנגעוועהטאגסטע פראגען אין אינערען יוניאן לעבען אין משך פון די לעצטע יאהרען.

די פראגע פון ריפער מאכערס לא־קאל איז נישט ארונטערגעגאנגען פון דער יוניאן'ס טאג ארדנונג זייט יענעם מא־מענט, ווען מען האט ביי די ריפער מא־כער צוגענומען זייער זעלבסטשטענדיג־קייט. די אלע יאהרען זיינען פאר דער יוניאן געווען יאהרען זארגפולע און ערנ־סטע, יאהרען פון וויכטיגע און פרינצי־פיעלע פראגען, וואס האבען פארכאפט יעדענס אטעם און יעדענס ענערגיע, און טראץ דעם האבען זיי נישט פארווישט די לאקאל 17 פראגע. און דאס דארף זיין א באוויז, אז די לאקאל 17 פראגע איז נישט בלויז א קאפריז פון עטליכע מענ־שען נאר אן אנגעוועהטאגטע פראגע פון א גאנצער גרופע ארבייטער, וואס זיינען דערין עקאנאמיש פאראינטערעסירט און גלויבען, אז דורך דעם פארלוסט פון זייער זעלבסטשטענדיגקייט איז זייער טרייד־לאגע באדייטענד ערגער געווארען.

א פאקט איז, אז לאקאל 17 איז אן עלטער לאקאל, וואס איז נאך געגרינדעט געווארען אין 1905טען יאהר און איז אלע יאהרען געווען אן אינטערנעשאנאל לאקאל. דאס אליין איז א גענוגענדער פאקט אז דער ריפער לאקאל איז געווען אן אינדוסטריעלע נויטווענדיגקייט. עס קאן זיין אז זייט דעמאלט האט זיך די לאגע געענדערט. דערין וויל איך זיך נישט מישען. איך לאז דאס איבער צו טרייד־לייט. איין זאך איז אבער פאר מיר קלאר, אז די אויפלייזונג פון ריפער־לאקאל איז מעהר געשעהן צוליב פאלי־טישע ווי צוליב אינדוסטריעלע מאטיוען. און די וואס האבען איהם אויפגעלייזט האבען געהאט דאס רעכט אזוי צו האנד־לען, ווייל די פאליטישע מאטיוען זיינען באשטימט אזוי וויכטיג ווי די אינדוס־טריעלע מאטיוען. און עס איז ניט מעהר ווי רעכט אז צוליב די זעלבע מאטיוען, וואס מען האט דעם לאקאל אויפגעלייזט, זאל ער אויך ריאינסטייטעד ווערען.

עס איז א פאקט, אז זייט דער לאקאל איז אויפגעלייזט געווארען, איז די לאגע פון די ריפער מאכער אין פארהעלטניס א סך ערגער געווארען ווי די לאגע פון די איבעריגע אפערייטארס אין טרייד. און דאס איז אבסאלוט א שטארקער ארגו־מענט פאר די פארטיידיגער פון די רי־פער מאכער. עס איז לעכערליך צו בא־הויפטען, אז ווען עס זאל אפילו האבען עקזיסטירט א לאקאל 17 וואלטען די בא־דינגונגען פון די ריפער שפעטער היינט־צו־טאג אויך ערגער געווען, און דאס וואס עס איז אין דער ווירקליכקייט באוויזט אז די אינטערעסען פון די ריפער מאכער זיינען שטארק פארנאכלעסיגט געווארען אין א געמיינזאמען לאקאל.

עס איז אן אומבאשטרייטבארער פאקט, אז פאר דער אויפלייזונג פון לא־קאל 17 איז די לאגע פון די ריפער מא־כער געווען וועניגסטענס אזוי גוט ווי די לאגע פון די קלאוק אפערייטארס. זיי האבען וועניגסטענס פארדינט די זעלבע ווידזשעס און האבען באשטימט געהאט אזוי פיל ארבייט ווי די איבעריגע קלאוק אפערייטארס. אלזא, ווי קומט עס וואס די לאגע פון די ריפער מאכערס איז היינט צו טאג ערגער ווי די לאגע פון די איבע־ריגע אפערייטארס? האט אפשר די פאר־ערגערונג פון טרייד געהאט א גרעסערע ווירקונג פאר דער פארערגערונג פון די ריפער מאכער באדינגונגען ווי פאר די אנדערע אפערייטארס?

איז דאס אלזא נישט קיין גענוגענ־דער אינדוסטריעלער באוויז פאר דער עקזיסטענץ־נויטווענדיגקייט פון ריפער־לאקאל?

לאמיר איצט אויף א מאמענט צוגע־בען, אז די אויפלייזונג פון לאקאל 17 איז נישט געשעהן צוליב פאליטישע נאר צוליב אינדוסטריעלע טעמים. טא איז וואס? לויט דעם וואס עס איז געשעהן זייט דער אויפלייזונג און לויט דער לא־גע פון די ריפער מאכערס זייט דער צייט וואס זיי האבען פארלוירען זייער לאקאל, [illegible] מען קומען צום באשלוס, אז אויב [illegible] 17 איז טאקע אויפגעלייזט געווא־[illegible] אינדוסטריעלע טעמים, איז [illegible] געווען אן [illegible] ווייל אנדערש [illegible] די רי־

פער מאכער באדארפט פארבעסערט ווע־רען און נישט אין פארהעלטניס צו די אנדערע אפרייטארס פון זעלבען לאקאל נאך מעהר פארערגערט ווערען. דאס בא־וויזט אלזא איינס פון די ביידע: אדער דער אינדוסטריעלער שטאנדפונקט פון די וועלכע האבען אויפגעלייזט דעם רי־פער מאכער לאקאל איז געווען דורכאויס פעהלערהאפט, אדער, ווען נישט, האבען די ריפער מאכער געמוזט שטיפמוטערליך באהאנדעלט ווערען פון דער מאיאריטעט קלאוק אפרייטארס אין געמיינזאמען לא־קאל. די געגנער פון א ריפער מאכער לאקאל קענען אלזא זיך אויסזוכען דאס וואס עס געפעלט זיי בעסער: אדער דעם פעהלערהאפטען אינדוסטריעלען שטאנד־פונקט, אדער די שטיפמוטערליכע בא־האנדלונג. ווי דאס זאל נישט זיין, בלייבט אויך א פאקט אז די ריפער מא־כער האבען זיך אויף קיין אויגענבליק נישט געקאנט היימליך מאכען מיט'ן גע־דאנק, אז זיי האבען אויפגעהערט צו עק־זיסטירען אלס א זעלבסטשטענדיגער לא־קאל און זיי האבען מיט אן אייזערנער קאנסעקווענץ און גרויסען לאקאלען פאט־ריאטיזם דורך די שטורמדיגסטע צייטען געקעמפט פאר זייער רעכט פון א זעלבסטשטענדיגען לאקאל. אן ארגאני־זאציע קען און טאר זיך נישט ערלויבען אזא איבערגעבענעם יוניאן־עלעמענט צו האלטען אין אומאקטיוויטעט און שטענ־דיגער פארביטערטקייט, ווען דאס איז נישט אבסאלוט נויטווענדיג אין די אינ־טערעסען פון דער יוניאן, א פשיטא ווען דאס שטערט נאך די אינטערעסען פון דער יוניאן.

עס איז דעריבער פארדריסליך, וואס מען שיקט שוין ווידער נייע קאמיטעס און מען מאכט זיך נייע אילוזיעס צוליב דער מאטיווירונג פון דער קאמיסיע, אז א לאקאל „איז נויטיג צוליב פאליטישע אור־זאכען”. די קאמיטע וועט מיר צוליב דעם אמת פון דער זאך געוויס מוחל זיין ווען איך וועל מיר ערלויבען א טראכט צו טאן אז די דאזיגע מאטיווירונג גופא איז אויך גארנישט עפעס אנדערש אויסען גע־ווען ווי פאליטישע דזשענטעלמענישקייט, טא צו וואס זיך אנכאפען אן א שטרוי?

און זאל זיין אז צוליב פאליטיק. טא איז וואס? איז דאס נישט א גענוגענ־דער גרונד דערצו? איז דאס דען א פער־זאנלען־פאליטיק? עס איז דאך אן אר־גאניזאציאנס־פאליטיק, און אז פאליטי־שע מאטיוען זיינען פון א זעהר גרויסער וויכטיגקייט האט דאך די קאמיסיע אם בעסטען באוויזען דורך איהר באשלוס. זי האט דאך לויט איהר אייגענער בא־גרינדונג טאקע נאר באשלאסען דעם לא־קאל צו ריאינסטייטען, צוליב די פאלי־טישע אינטערעסען פון דער יוניאן. דאס הייסט, אלזא, אז ווען עס זאלען אפילו האבען עקזיסטירט אינדוסטריעלע טעמים געגען א לאקאל, האט די קאמיטע די פא־ליטישע אורזאכען געהאלטען פאר א סך וויכטיגער ווי די אינדוסטריעלע טעמים. די אינטערנעשאנאל איז — ווי איך בין איבערצייגט — אין דער דאזיגער פראגע אבסאלוט נייטראל אויף וויפיל עס איז א פראגע צווישען לאקאל 2 און לאקאל 17. די אינטערנעשאנאל טוט בלויז, וואס עס איז איהר פליכט, זי רעספעק־טירט דעם באשלוס פון דער קאמיטע, וואס האט באקומען דעם מאנדאט פון דער יוניאנס העכסטער אינסטאנץ — פון דער קאנווענשאן. די אינטערנעשא־נאל האט איצט בלויז די אויפגאבע דעם דאזיגען באשלוס דורכצופיהרען און וואס שנעלער זי וועט דאס טאן אלץ בעסער. ווייל צו וואס האלטען די צדדים אין א נערוועזען צושטאנד? עס איז דעריבער נאריש פון די, וועלכע גלויבען, אז די אינטערנעשאנאל וועט האלטען ביי זיך די קינדער פון לאקאל 17 אויף קעסט, און אויב עס זיינען פאראן אזעלכע, וואס ערווארטען פון דער אינטערנעשאנאל ספעציעלע גנאדע, זיינען זיי נישט ווע־ניגער נאריש.

פאר דער אינטערנעשאנאל זיינען אלע לאקאלען גלייכבארעכטיגט און לאקאל 17 וועט באשטימט נישט באטראכט ווערען אלס א בן יחיד. זיי ווערען איצט זעלבסטשטענדיג און זיי וועלען מוזען לעבען אויף זייער אייגענעם רעכענונג. און אויב עס איז פאר זיי אוממעגליך פי־נאנציעל זעלבסטשטענדיג צו עקזיסטירען, לויט ווי עס באהויפטען זייערע געגנער, טא האבען זיי דאך גוטע אויסזיכטען אז די ריפער מאכער וועלען אין א קורצער צייט פאלען אויף די קני, און אלעס וועט ווידער זיין אל־רייט.

זאלען די מיטגלידער פון לאקאל 2 דעריבער אויפנעמען דעם באשלוס פון דער קאמיטע ווי פאליטישע און ארגאני־זירטע ספארטס, אפילו דעמאלט ווען זיי גלייבען באמונה שלימה, דאס זיי זיינען [illegible], ווי שמערצליך דער באשלוס זאל פאר זיי נישט אויסקומען פון זייער אינדוסטריעלען שטאנדפונקט, דארפען זיי רעספעקטירען א באשלוס פון דער קאנווענשאן און די אינטערעסען פון דער יוניאן שטעלען העכער ווי זייערע לא־קאלע פארלאנגען.

אויף דעם זעלבען ארט האב איך כמעט מיט א יאהר צוריק אין דער זעל־בער פראגע געמאנט, אז די לאקאל 17־פראגע זאל באטראכט ווערען נישט בלויז לויט מדת הדין נאר אויך לויט מדת הרחמים. אזוי האט, שיינט עס, געהאנ־דעלט די קאמיטע און דאס איז דער בעס־טער וועג אז אן אנגעוועהטאגטע פראגע זאל ענדליך פארשווינדען פון דער אוי־בערפלאך פון דער קלאוק און דרעס מא־כער יוניאן.

דער ארבייטער פארלאמענט אין ניו ארליענס

מאנטאג, דעם 18טען נאוועמבער, וועט אין ניו ארליענס צום 48טען מאל ערעפענט ווערען דער פארלאמענט פון דער ארגאניזירטער טרייד יוניאן ארביי־טערשאפט אין אמעריקע. עס איז נישט קיין צופאל, וואס די לעצטע קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. אין לאס אנדזשע־לעס האט באשלאסען די היינטיגע קאנ־ווענשאן צו האלטען אין ניו ארליענס.

זייט עטליכע יאהרען צייגט זיך א טענדענץ ביי די קאפיטאליסטען פון דער גרויסער אמעריקא צו פארלאזען די איסט און איבערטראגען זייערע פעקטארים אין דער אפגעשטאנענער סאוטה, וואו מען קאן באקומען אומארגאניזירטע ארבייטער און נאך ביליגערע ניגער־ארבייט. די אינדוסטריעלע מאגנאטען פון דער איסט באנוגענען זיך נישט מיט די מיליאנען פראפיטען, וואס עס טראגט זיי אריין די קאפיטאליסטישע פראספעריטי אין אמע־ריקע אין די לעצטע יאהרען און זיי זוכען אויסצומיידען ארגאניזירטע ארבייטער כדי נאך מעהר אנצופילען זייערע געלד־זעק.

די א. פ. אוו ל. פארפאלגט זיי אבער אין די לעצטע יאהרען און באמיהט זיך מיט אלע כחות צו ארגאניזירען די ווייסע און קאלירטע ארבייטער־באפעלקערונג אין דער סאוטה.

עס איז דעריבער געווען זעהר קלוג פון דער פעדערײשאן אפצוהאלטען די היי־יאהריגע קאנווענשאן אין דער גרוי־סער סאוטה־שטאדט ניו ארליענס, כדי צו סטימולירען די יוניאן־ארבייט אין דער סאוטה.

צו ארגאניזירען די אומארגאניזירטע נישט נאר אין דער סאוטה נאר אויך אין גאנצען לאנד בכלל איז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבען און פראגען, וואס שטעהען דאס מאל פאר דער קאנווענשאן, און עס איז צו האפען, אז די דעלעגאטען וועלען געפינען דעם ריכטיגען וועג און מיטלען דערצו. אין דיזער הינזיכט האט דאס לעצטע יאהר עטוואס אויפגעטאן. זייט יאהרען פון ריקגאנג האט די פעדע־ריישאן היינטיגען יאהר צום צווייטען מאל געוואונען אן אנזעהבארע מעמבער־שיפ. פאר א יאהרען האט די פעדע־ריישאן צום ערשטען מאל זייט דער פאר־לוסט־פעריאדע געוואונען 9 טויזענט מעמבערס, און היינטיגען יאהר קומט דער באריכט צו דער קאנווענשאן אין ניו ארליענס מיט א געווינס פון קנאפע 96 טויזענט מיטגלידער. פאר א יאהר פון קאמוניסטישער אפאזיציאנס יוניאן־טע־טיגקייט איז דאס אודאי און אודאי א שעהנער געווינס און פארשפרעכט גוטע רעזולטאטען אין דער ארגאניזאציאנס־טעטיגקייט פון די אומארגאניזירטע.

א וויכטיגען ארט פון די בעראטונגען וועט פארנעמען די ארבייטסלאזען פרא־גע, וועלכע האט לעצטען יאהר דערגרייכט א גאר הויכע מדרגה. די פינף טאגיגע ארבייטס־וואך, פון וועלכער די פעדעריי־שאן ערווארטעט א טיילווייזע לייזונג אדער וועניגסטענס א פארקלענערונג פון ארבייטסלאזיגקייט, מאכט קליינע פארט־שריטע אין לעצטען יאהר, האבען מעהר ווי 165 טויזענט ארבייטער שוין גע־ארבייט בלויז 5 טעג א וואך. דאס אליין קען אבער נישט לייזען די וויכטיגע און אנגעוועהטאגטע פראגע. דערצו איז נוי־טיג מעהר ווי אלעס אן ארבייטסלאזען אונטערשטיצונגס־פאנד. דאס צו דער־גרייכען איז דערווייל פאר דער פעדעריי־שאן זעהר שווער, ווייל זי באזיצט ניט קיין אייגענע פאליטישע מאכט אין די לעדזשיסלייטשורס און לויפט נאך אלץ נאך דעם קאפיטאליסטישען רייטוואגען, ווי מיר האבען דאס געזעהן אין די לעצ־טע עלעקשאנס. די זעלבע זאך איז אויך מיט דעם קאמף געגען די אינדזשאנק־שאנס, פון וועלכער די יוניאנס האבען לעצטען יאהר אזוי פיל געליטען.

לײדער איז נישט פאראן קיין שום האפנונג, אז עס וועט דארט זיך געפינען א שטימע פון אויפריכטיגער און ווירק־זאמער קריטיק געגען דער פאליטישער פיהרונג פון דער א. פ. אוו ל.

מיט יאהרען צוריק פלעגט מען לעגען האפנונג אויף די אידישע יוניאנס. זיי־נען זיי אבער היינט אזוי אפגעשוואכט, אז פון זייערע באמיהונגען איז שווער עטוואס צו ערווארטען.

פאר דער קאנווענשאן וועט אויך מסתמא אויפטויכען די פראגע וועגען דעם ברוקוואוד קאלעדזש אין קאטאנא, ניו יארק. מיר פון אונזער זייט האבען קיין שום גרונד צו צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון די באשולדיגונגען פון דער א. פ. אוו ל. געגען דעם ארבייטער בילדונגס־אינסטיטוט, און מיר האלטען עס אפילו פאר איבעריג ארויסצוזאגען אונזער מיינונג צו די דאזיגע באשולדי־גונגען בארעכטיגען די האלטונג פון דער פעדערײשאן געגען ברוקוואוד קאלעדזש, אזוי לאנג ווי די ברוקוואוד־אינסטיטוציע האט נישט באקומען די פארטיידיגונגס־מעגליכקייט. מיר האלטען, אז עס איז אן עולה יעמאנדען צו פאראורטיילען אונ־טער די אויגען, נישט געבענדיג איהם א געלעגענהייט זיך צו פארטיידיגען. עס איז אונזער וואונש, דאס די פארטרעטער פון ברוקוואוד זאלען פון אונזער ארביי־טער־פארלאמענט אין אמעריקא באהאנ־דעלט ווערען מיט דעמאקראטישער גערעכ־טיגקייט.

א שאפ גיט א שעהנע מתנה צום שאפ טשערמאן

מיר, די ארבייטער פון מארגאלין און סטיין, 265 וועסט 36טע סט., ביי א שאפ מיטינג אפגעהאלטען מאנטאג, נאוועמ־בער דעם 12טען, 1928, אין דזשאינט באארד בילדינג, נעמען אן די פאלגענדע רעזאלוציאן:

„אין אנבאטראכט דאס בר. פ. קאטץ, אונזער טשערמאן, האט געלייסטעט גע־טרייע דינסט פאר דעם שאפ בעל־מלאכות און געטאן אלעס מעגליכעס אז די יוניאן באדינגונגען, טראץ די מחלקות אין אונ־זערע רייהען, זאלען ביי אונז פאלשטענ־דיג אפגעהיט ווערען אזוי אז אונזער שאפ קען פאררעכענט ווערען אלס איינער פון די בעסטע יוניאן שעפער וואו מ'קען מא־כען אן אנשטענדיגען לעבען.

„זיי עס דארום באשלאסען, דאס מיר אנערקענען זיין טיכטיגע ארבייט פאר אונז און מיר באשליסען צו געבען איהם א ווערטפולע מתנה פון 110 דאלאר.

„מיר ווינשען איהם ער זאל עס נו־צען געזונטערהייט און מיר האפען אז ער וועט פארזעצען זיין אקטיוויטעט אזוי ווי ער האט עס געטאן ביז איצט.

די קאמיטע:

י. ארלאו — לאקאל 2.
מ. הערשקאוויטץ, ל. ראזאנא־נאוויץ, י. גאלד, מ. מאר־קאוויץ — לאקאל 35.
א. קארפ — לאקאל 9.

וואס איז עקס־לאקס?

עקס־לאקס איז איינע פון די וויכטיגסטע ערפינדונגען פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט. דאס איז א טשאקאלאד־קענדי, וועלכעס רעגולירט דעם מאגען און פארנעהמט דעם פלאץ פון קאסטאר־איל, ביטער־זאלץ, רובארבער, ביטער־וואסער, לאקריץ פאודער, באצוקערטע אדער געפארבטע פילען, און נאך פילע אנ־דערע אלט־מאדישע אפפיהר־מיטלען פאר וועלכע יעדער מאן, פרוי אדער קינד פלעגען זיך אפשרעקען.

עקס־לאקס איז א טשאקאלאד דורך און דורך. עס איז גע־שמאק אין טעם און ווירקט געלאסען און נאטירליך געגען אלע פארמען פון מאגען־פארשטאפונג, אהן שמערצען אדער קרעמפען.

פרייעט א באקס היינט און איבערציינט אייך.

10, 25 און 50ס. א באקס, אין אלע דראג־סטארס.

לאָקאַל 38, לײדיס טײלאָרס, פיהרט אײן אַ לײבאָר ביוראָ

(שלוס פון זײט 7)

ווירטעט, געברויכענדיג אַזעלכע מיטלען געגען די אַרבייטער, מיט וועלכע מען פלעגט זיך באַנוצען אין אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. מיר גלויבען אָבער, אַז ענטשלאָסענקייט און סאָלידאַריטעט וועט מסתמא גובר זיין אַלע פאַרזוכען פון די באַלעבאָטים, און די אַרבייטער וועלען זיך אומקערען צו דער אַרבייט מיט אַ פולען זיג.

בילדונגס טעטיגקייט פון לאָקאַל 38.

אַ גרויסער טייל אַרבייטער, וואָס האָבען נישט לאַנג צוריק באַלאַנגט צו דעם לײדיס טײלאָרס לאָקאַל, ספּעציעל די דרעס און דראַפּער מאַכער, געהערען איצט צו לאָקאַל 38. כדי די דאָזיגע מיטגלידער זאָלען האָבען אַ געלעגענהייט זיך צו באַקענען מיט די אידעאַלען, פּאָליסיס און פּרינציפּען פון אונזער אָרגאַניזאַציע, האָבען מיר גערופען אַ מיטינג פון אַלע נייע מעמבערס אויף מאָנטאג, דעם 12טען נאָוועמבער. אויף דיזען מיטינג האָט שוועסטער פאַני קאָהען גערעדט וועגען די געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאָנעל, און ברודער דרייזין, דער מענעדזשער פון לאָקאַל, איבער די קאָנסטרוקציע און מאַשינערי פון לאָקאַל 38, וועלכע ווערט אַדמיניסטרירט לויט דעם פּרינציפּ פון יושר און אין אינטערעס פון דער מעמבערשיפּ.

שוועסטער הילער האָט ווידער גערעדט וועגען די אויפטואונגען פון דער אינטערנעשאָנעל אין יוניטי צענטער, אויפ'ן געביט פון עדיוקיישאָן, וועגען די יוניטי הויז און וועגען פילע אַנדערע אויפטואונגען.

די מיטגלידער האָבען אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג, אַז אַזעלכע מיטינגען זאָלען וואָס אָפטער איינגעאָרדענט ווערען, ווייל זיי האָבען אַ גרויסען אינפאָרמאַטיוו ווערט און וועלען זיכער סטימולירען די נייע מעמבערס צו יוניאָן אַקטיוויטעט.

ווייסט איהר, ווי עס האָט זיך אַנטוויקעלט די אידישע אַרבייטער באַוועגונג אין אַמעריקאַ? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, פון דר. לואיס לעווין. און איהר וועט מיט אַלע [illegible]

בריף — שטימען — מיינונגען

(שלוס פון זײט 5)

איינשטימיג מיט דעם וואָס מען האָט זיי סוספּענדירט, כאָטש עס איז געווען געזעצליך נאָך דער קאָנסטיטושאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל. עס איז דאָ אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטושאָן, וואָס גיט איהר דאָס רעכט צו סוספּענדירען די באַאַמטע פון געוויסע לאָקאַלען אין צייט פון אַן עמוירדזשענסי, און עס איז זיכער אַז דאַן איז געווען אַן עמוירדזשענסי.

אָבער אָנגענומען אַז די אינטערנעשאָנאַל האָט ניט געהאַנדעלט ריכטיג מיט דעם סוספּענדירען זיי. און איך אַליין דענק דאָך אויך אַזוי, ווייל מען האָט זיי נאָך געמאַכט פאַר מאַרטירער מיט דעם, וועהרענד ווען מען מאַכט דאַן וואָהלען וואָלט מען זיי דורכגעוואָרפען, און נאָך ווי!... — נו, פרעג איך אייך, אַז מען האָט זיי געדאַרפט אַרויסוואַרפען, וועגען דעם איז דאָך קיין פראַגע ניט, נאָר איהר שטימט ניט איין ווי אַזוי מען האָט דאָס געטאָן, — זאָג איך אייך: לוינט זיך צוליב דעם צו ברעכען אונזער יוניאָן, וועלכע איז געווען דער שטאָלץ און שפּיגעל פון דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג אין אַמעריקאַ?

ברידער, איך דאַרף פאַר אייך ניט קיין באַווייזע, וואָס די יוניאָן איז פאַר אונז, ווייל מיר געדענקען אונטער וואָס פאַר אַ באַדינגונגען מיר האָבען געאַרבייט בעפאָר עס איז געווען אַ יוניאָן און אונטער וועלכע באַדינגונגען מיר האָבען געאַרבייט ווען די יוניאָן איז געווען שטאַרק, און ווי מיר אַרבייטען איצט, נאָכדעם ווי די פּראָזען־שיסער זיינען געקומען אונז צו פאַרבעסערען די לאַגע. ניין, זיי האָבען נאָך קיין זאַך ניט פאַרבעסערט אָדער אויפגעבויט; דאָס קענען זיי ניט. קאַליע מאַכען, צוברעכען — דאָס יע. מיט שיסען פּראָזען קען מען ניט בויען.

ברידער, איך בין אין אַ סך זאַכען ניט געווען איינשטימיג מיט דער יוניאָן און אויך יעצט בין איך אין פילע זאַכען ניט איינשטימיג, אָבער איך האָב אין זינען אַז מען דאַרף אַמאָל פאַרקוקען געוויסע זאַכען צוליב דעם וואוילזיין פון דער יוניאָן אַלס אַ גאַנצע. עס וואָלט געווען דער גרעסטער פאַרברעכען מען זאָל צוליב קליינינקייטען לאָזען צוברעכען אונזער יוניאָן!

צום שלוס וואָלט איך געוואָלט זאָגען מיין מיינונג וועגען דער יעצטיגער לאַגע. איך גלויב אַז נאָכדעם ווי מען האָט פאַר'סמ'ט די מוחות פאַר אַ פּאָר יאָהר צייט, קען מען איצט ניט דורכפיהרען קיין אָרדענטליכע וואָהלען. מיין מיינונג איז, אַז אַלע דאַרפען אַריין צוריק אין דער יוניאָן, און אין אַ יאָהר שפּעטער זאָלען זיין וואָהלען און אַלע זאָלען דאַן קענען לויפען.

מאַקס רודין,
לאָקאַל 2.

רײנקאָוט מאַכער יוניאָן לאָקאַל 20

א. ל. ג. וו. י.

פאָלגענדע מעמבערס זיינען נאָמינירט געוואָרען אַלס באַאַמטע
(באַצאָלטע און ניט־באַצאָלטע) פאַר'ן יאָהר 1929

פאַר מענעדזשער:
דוד גינגאָלד — סעם סאַראָף

פאַר סעקרעטאַר־טרעזשורער:
מאיר פאַליגסקי — אברהם וויינגאַרט

פאַר טשערמאַן פון לאָקאַל:
דייוו מייסען — סעם פרידמאַן — ג. לעוויט — בעני וויסעלבורג

פאַר ווייס־טשערמאַן:
דזשאָו קעסלער — בעני וויסעלבורג — העריי גראַיעווסקי — מאַקס קאַפּלאַן

פאַר עקזעקוטיוו באָארד מעמבערס:

מאַרקאָוויטש, איזי	קאַפּלאַן, מאַקס	דאַגלען, פיליפּ
נאַוויצקי, מאָריס	קליין, ישראל	וויסעלבורג, בעני
נענקין, ג.	רובין, אַרטור	וויסעלבורג, דזשייק
סיימאָן, איווי	ראָטענבערג, א.	וויינבאום, דזשאָו
סקאַלקער, ל.	ראַבינסאָן, סיימאָן	וואַסערמאַן, דזשעק
סיסקין, ס.	ראַפּאַפּאָרט, מאָריס	וואַרשאַ, ד.
פּאַרסאָף, אַלעקס	שליפער, מאָריס	זימערמאַן, לואי
פישער, איזי	אימערמאַן סאָל	זיזוויטץ, פיליפּ
פיינבערג, איזרעאל	אַלינסקי, סאָל	טאַבאַרניק, ל.
פּאָסטערנאַק, דזשאָ	בוירגער, ניימען	ליוואי, איזי
פרידמאַן, בייטען	גראָסמאַן, העריי	לוירנער, בעני
קינג, באַרני	גאָלד, ווילי	לאַפּין, חיים
קופער, העריי	גאָדקינד, ס.	ליפּמאַן, ס.

אַלע אויבענדערמאָנטע מוזען ערשיינען פאַר דער אָבדזשעקשאָן קאָמיטע, שבת, דעם 17טען נאָוועמבער, 9 אַזייגער פרי, אין אָפיס פון יוניאָן לאָקאַל, 130 איסט 25סטע סטריט.

זיי וועלען גערופען ווערען צו דער קאָמיטע אין דער ריי לויט'ן א"ב.

די יעניגע וואָס וועלען ניט ערשיינען צו דער קאָמיטע וועלען זייערע נעמען ניט אַרויפגעשטעלט ווערען אויפ'ן באַלאָט.

מעמבערס וועלכע האָבען אירגענד וועלכע אָבדזשעקשאָנס געגען וועמען פון די נאָמינירטע זיינען געבעטען צו פאַרברענגען זייערע אָבדזשעקשאָנס שריפטליך אין אָפיס פון דער יוניאָן ניט שפּעטער ווי ביז שבת פרי, 9 אַזייגער — זיי וועלען אויך דאַרפען ערשיינען פאַר דער קאָמיטע.

עלעקשאָן און אָבדזשעקשאָן קאָמיטע
רײנקאָוט מאַכער יוניאָן, לאָקאַל 20
סאָל בורקעוויטש, טשערמאַן. ישראל קליין, סעקרעטאַר.

קויפט שיך מיט דעם יוניאָן שטעמפּעל

מיר ווענדען זיך צו אַלע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט צו קויפען שיך וועלכע האָבען דעם שטעמפּעל פון אונזער יוניאָן אויף דעם זויל, אינווייניגסטער זויל, אָדער אויף דעם לייינינג פון שוך. מיר בעטען אייך ניט צו קויפען שיך, סיידען איהר זעהט אָט דעם יוניאָן שטעמפּעל מיט אייערע אייגענע אויגען.

בוט און שוה וואָרקערס יוניאָן

אַפיליאייטעד מיט דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר
246 סאָמער סטריט, באָסטאָן, מאַסס.

קאָלים לאָוולי, גענעראַל־פּרעזידענט — טשאַרלס ל. בעין, גענעראַל סעקרעטאַר־טרעזש.

דער אַרבייטער רינג

אין דער גרעסטער און שטאַרקסטער ראַדיקאַלער אידישער אַרבייטער אָרדען אויף דער וועלט.

פאַרמאָגט — $2,500,000.00
מיטגלידער — 83,000
בראַנטשעס — 740

דער אַרב. רינג שטיצט יעדען וויכטיגען עקאָנאָמישען און פּאָליטישען קאַמף.

דער אַרב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג.

דער אַרבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער אָרדען, וואָס האָט אַן אייגענעם סאַניטאַריום פאַר זיינע קאָנסאָמפּטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אַריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאָהר.

אויב איהר זייט נאָך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אָן!

נאָך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

די אידישע אַגריקולטור (באַראָן הירש) סאָסייעטי

העלפט אַלע צוקונפטיגע פאַרמערס מיט אויסקינפטע וועגען פאַרמעריי און ווי זיך אויסצוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פאַרם.
גיט קיינע דעפּאָזיטס אײדער איהר באַראַט זיך מיט אונז.
אונזער ראַט און טאַט איז אַבסאָלוט פריי
שרייבט אָדער קומט פּערזענליך.
אָפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5
זונטאָג — ביז 1 אוהר.

Jewish Agricultural Society, Inc.
301 E. 14th Street, New York City

האַרלעם באַנק אָוו קאָמערס

וואָס האָט זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַראייניגט מיט דער

אַטלאַנטיק סטייט באַנק

איז איצט געוואָרען אַ טראַסט קאָמפּאַני אונטער דעם נאָמען

סיטי טראַסט קאָמפּאַני אָוו ניו יאָרק

און פאַרמאָגט 5 באַזונדערע באַנק הייזער אין גרויסער ניו יאָרק, וואָס זיינען ניט בלויז באַנקען נאָר אויך רעגעלע טראַסט קאָמפּאַניס.

הויפּט אָפיס:
2118 סעקאָנד עוועניו, ניו יאָרק.

מאַררעי הילל ברענטש:
431 — 3טע עוועניו, ניו יאָרק.

אַטלאַנטיק עוועניו בענק אָפיס:
594 אַטלאַנטיק עוועניו, ברוקלין, נ. י.

האַרלעם מאַרקעט ברענטש:
2105 ערשטע עוועניו, ניו יאָרק.

פ. מ. פעררארי, פּרעזידענט.

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פאַרדינען פון 50 ביז 200 דאָלאַר וועכענטליך
נעהמט אַ קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און לײדיס פאַר גאַרמענטס.

[illegible]
געגרינדעט איבער 50 יאָהר.
די סקול האָט ערווייזט
נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאַטען.
[illegible]

מיטשעל דעזיינינג סקוהל
[illegible]

אויף די פעלדער פון אמעריקאנער קלאסענקאמף

פון פ. דעמביצער.

(צווייטער ארטיקעל)

אין ערשטען ארטיקעל האבען מיר מיט ציפערען און אנווייזונגען זיך באמיהט צו באווייזען, אז טראץ דער גרויסער ארבייטסלאזיגקייט, וואס הערשט איצט אין אמעריקא, געפינט זיך דאס לאנד אין אן אומגעהויערען פראספעריטי צושטאנד, פראדוצירענדיג א העלפט פון דער וועלט'ס וויכטיגסטער פראדוקציע מיט בלויז 6 פראצענט פון דער וועלט'ס באפעלקערונג. מיר האבען זיך אויך באמיהט צו באווייזען, אז די איצטיגע ארבייטסלאזיגקייט אין די פאראייניגטע שטאאטען איז נישט א רעזולטאט פון אן עקאנאמישען קריזיס, נאר א נארמאלע ערשיינונג אלס א אומפארמיידליכער רעזולטאט פון קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס-פראצעס, אין א אינדוסטריעל ענטוויקעלטען קאפיטאליסטישען שטאאט, וועלכער מוז, דעם אמת געזאגט, פיהרען צו א גרויסען געזעלשאפטליכען קריזיס.

פאר אונז איז די וויכטיגסטע פראגע זיך צו דערוויסען, ווער עס האט פון דער דאזיגער פראספעריטי פראפיטירט און דאדורך פארגרעסערט זיין איינפלוס אין דער געזעלשאפט און אין דער מלוכה? מיר האבען שוין אויבען דערמאנט, אז דער איינציגער צד, וואס האט פראפיטירט פון דער אמעריקאנער פראספעריטי איז די גרופע פון גרויס קאפיטאליסטען, פינאנץ-באנקירען און ריעל-עסטייט ספעקולאנטען. בעת די ארבייטער האבען נישט בלויז גארנישט נים פראפיטירט, נאר זיי האבען אין די לעצטע יאהרען פון גרויסער פראספעריטי א סך געמוזט פארלירען דורך פארשידענע רעדוקציעס פון זייער ארבייטס-לוין און לעצטענס דורך גרויסער ארבייטסלאזיגקייט. זיי האבען דעריבער אפגעשוואכט זייערע ארגאניזאציעס און אין א גרויסער מאס פיעל פארלארען פון זייער קאמפס-פעהיגקייט און קאמפסצוועקמעסיגקייט. איצט וועלען מיר זיך באמיהען צו באווייזען מיט פארשידענע צאהלען, ווי אזוי די ריזיגע פראפיטען און דאס „נאציאנאלע פארמעגען" איז איינגעטיילט, כדי צו באקומען א גענויערען בילד פון די איצטיגע מאכט-פארהעלטניסען, א זאך וואס וועט אונז א סך לייכטער מאכען צו פארשטעהן דאס פעלד פון אמעריקאנער קלאסענקאמף.

לויט דעם רעפארט פון דער פעדעראל טרייד-קאמישאן אין 1926 האט שוין דעמאלט אמעריקא פארמאגט א נאציאנאלען פארמעגען פון 4 הונדערט ביליאן דאלאר. ווען מען זאל אלזא די דאזיגע סומע יושר'דיג איינטיילען צווישען אלע בירגער פון אמעריקא, וואלט יעדער פון אונז באדארפט ביי זיך טראגען א באנק ביכעל פון 3428 דאלאר. ווייסען, ווייסען מיר אבער, אז די גאר גרעסטע צאהל בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען פארמאגען קיין פעני ביי דער נשמה. ווייל פון וואנען זאלען זיי פארמאגען אפגעשפארטע געלדער? פון זייערע איצטיגע ווידזשעס? אפשר יא, לאמיר מאיזע זעהן.

דער באריכט פון דער יונייטעד סטייטס ביורא און לייבאר סטאטיסטיקס ציינט, אז די דורכשניטליכע שכירות פון אן ארבייטער אין דער שטאהל-אינדוסטריע איז אין יאהר 1926 געווען 34 דאלאר מיט 41 סענט; אין דער אויטאמאביל-אינדוסטריע — 36 דאלאר מיט 37 סענט; אין די ווייכע קוילען מיינס — 31 דאלאר מיט 35 סענט; אין די האלץ-פאבריקען — 24 דאלאר מיט 21 סענט און אין די טעקסטיל פאבריקען — 17 דאלאר מיט 48 סענט. דאס מאכט אויס אין דורכשניט פון טויזענט ביז טויזענט מיט אכט הונדערט דאלאר א יאהר. אויב דער ארבייטער ארבייט יעדען טאג פון יאהר. אזוי אבער ווי יעדער ארבייטער ארבייט זעלטען אלע טעג פון יאהר, מיינט עס, אז פילע פארדינען אין דער ווירקליכקייט ווייניגער ווי די אויבענגעגעבענע סומע.

אן אנדער אפיציעלער באריכט פון דער זעלבער ביורא, וואס איז נים לאנג פארעפענטליכט געווארען, ציינט, אז די ווידזשעס פון די פראסטע ארבייטער, פון די לייבארערס, אין 12 פארשידענע אינדוסטריען, זיינען דעם זעלבען יאהר געווען פון 17 דאלאר ביז 29 דאלאר מיט 45 סענט א וואך. אבער וויפיל זיינען פאראן צווישען די פראסטע ארבייטער אזוינע, וואס זאלען ארבייטען אלע 52 וואכען פון יאהר? [illegible] צאהל. די מעהרסטע פארדינען אין דורכשניט ווייניגער ווי 20 דאלאר א וואך. [illegible]

אבער לאמיר אפילו אננעמען אז די אלע ארבייטער ארבייטען יא א גאנצען יאהר כסדר. נו, קענען זיי עטוואס אפשפארען דערפון? אין דורכשניט איז דער פארדינסט פון אן ארבייטער נישט גרעסער פון 23 דאלאר א וואך, און דערמיט קען מען דאך אפילו קיין לעבען נים מאכען. איצט ווער רעדט ערשט פון שפארען, פון סייפען א דאלאר.

לויט דער אפיציעלער רעגירונגס-סטאטיסטיק זיינען אין די פאראייניגטע שטאאטען אין יאהר 1924 געווען ארום 45 מיליאן מענשען, וואס זיינען געווען באשעפטיגט אויף פארשידענע געביטען פון האנדעל, אינדוסטריע, פארמעריי און פראפעסיעס. פון זיי האבען בלויז 7 מיליאן מיט 369 טויזענט און 788 געצאהלט דעם יאהר דעם איינקונפט-שטייער (אינקאם-טעקס). לויט'ן געזעץ האט א נים-פארהייראטער יענעם יאהר באדארפט צאהלען איינקונפט-שטייער, ווען ער האט פארדינט נים ווייניגער ווי טויזענט דאלאר דורכ'ן יאהר און א פאמיליען-מאן — נים ווייניגער פון 2,500 דאלאר. עס הייסט, אלזא, אז פון יעדע זעקס ארבייטענדע אין די פאראייניגטע שטאאטען האט בלויז איינער פארדינט אזוי פיל, אז ער האט באדארפט צאהלען דעם איינקונפט-שטייער.

אין די פאראייניגטע שטאאטען זיינען פאראן ארום 25 מיליאן. פאמיליען-לייט, און בלויז א פינפטעל פון זיי האבען פארדינט אזוי הויך ווי 2,000 דאלאר א יאהר. (זעה „פארווערטס" פון זונטאג, דעם 23טען סעפטעמבער).

אין דעם זעלבען משך, ווען דער אמעריקאנער יעהרליכער פראפיט באטרעפט — ווי מיר האבען אנגעוויזען אין פאריגען ארטיקעל — 90 ביליאן דאלאר יעהרליך, האבען ארבייטער אין אמעריקא פון צוועלף אינדוסטריעס אין דורכשניט נים מעהרער פארדינט ווי 23 דאלאר א וואך פאר שווערער הארעוואניע. און מיליאנען פארהייראטע ארבייטער האבען נישט פארדינט קיין פערציג דאלאר א וואך, און אומפארהייראטע אפילו ווייניגער ווי צוואנציג דאלאר א וואך.

וואו קומען אלזא אהין די שווערע מיליאנען און צעהנדליגער ביליאנען פראפיט פון דעם אמעריקאנער האנדעל און אינדוסטריע יעדען יאהר? ווער האט, אלזא, דעם ארבייטער'ס חלק פון אמעריקאנער נאציאנאל פארמעגען, וואס ער וואלט באדארפט צו באזיצען לויט דעם דורכשניט? איהר דארפט אייך חס ושלום נישט זארגען, אז עס געהט למען השם פארלוירען, אדער אז מען ווארפט עס אין וואסער אריין, אדער אז עטוואס א נענג האלדאפניקעס כאפט עס צו. ניין, דער רעכענונג שטימט, דער פארדינסט איז פאראן, דאס קאפיטאל ליגט אין די בענק און טראגט נישקשה-דיגען ציגזען און דער רויב ווערט געפירט גאנץ לעגאל, מיט דעם הסכם פון קאפיטאליסטישען געזעץ און די וואס רויבען און שינדען דעם ארבייטער'ס הויט און זיין איינענטום, זיינען דוקא די שעהנסטע בירגער און בעסטע פאטריאטען אין דער היינטיגער אמעריקאנער געזעלשאפט.

ווייל בשעת די ארבייטער פארדינען נישט גענוג צו מאכען א לעבען, פארדינט איין פארד יעדע מינוט אין טאג 200 דאלאר. יעדע שעה עלף און א האלב טויזענט דאלאר, און קנאפע 274 טויזענט דאלאר יעדען טאג. זיין יעהרליכער פראפיט באטרעפט אן ערך אכציג מיליאן דאלאר. („ניו יארק וואירלד", פעברואר 4, 1927). און פארד איז נישט דער איינציגער. אין 1927 האבען 207 מולטי מיליאנערען ערקלערט, אז זייער פארדינסט איז העכער פון א מיליאן דאלאר.

כדי קלאר צו ווערען ביי וועמען עס געפינט זיך די דורכשניטליכע 3428 דאלאר פון נאציאנאלען פארמעגען, איז גענוג אנצואווייזען אז ווענינער ווי 500 פאמיליעס אין די פאראייניגטע שטאאטען פארמאגען פון 20 מיליאן ביז קרוב צוויי ביליאן דאלאר! („דינאסטיק אמעריקא", זעה שערוואוד ערי, „רעלידזשאן ענד סאשעל דזשאסטיס"). דער רעפארט פון דער פעדעראל טרייד קאמישאן פון 1926 דערצעהלט, אז צו יענער צייט האבען עקזיסטירט אין אמעריקא אומגעפעהר 11 טויזענט מיליאנערען.

אין דער צייט וואס צעהנדליגער מיליאנען מענשען אין אמעריקא האבען נישט פארדינט גענוג, אז זיי זאלען זיין פארפליכטעט צו צאהלען טעקסעס, האבען 29 חלקים פון איין פראצענט באפעלקערונג אין אמעריקא פארדינט צוזאַ[illegible] פון אמעריקאנער באַ-פעלקערונג האט באצאהלט 95 פראצענט פון גאנצען „אינדיווידואל אינקאם טעקס" אין אמעריקא. 17 פראצענט פון דער באפעלקערונג האבען באצאהלט דעם רעשט 5 פראצענט. (אגרען מילס, 1926). לויט דיזע ציפערען האבען, אלזא 82 פראצענט פון דער באפעלקערונג אין אמעריקא נישט פארדינט גענוג, אז זיי זאלען באדארפען צאהלען „אינדיווידואל אינקאם טעקס".

פון די אויבען געבראכטע פאקטען איז, אלזא, לייכט זיך צו מאכען א באגריף פון דער פינאנציעלער מאכט מצד דעם אמעריקאנער פינאנץ-קאפיטאל און דעם געוואלדיגען פראדוקציאנס-רייכטום, וואס עס באזיצען די אינדוסטריעלע באראנען אין די פאראייניגטע שטאאטען.

נעמט מען נאך אין אבעטראכט, אז די דאזיגע גרופען ווערען פראטעקציאנירט און פראטעקטער פון דער רעגירונג, באקומען מיר א געהעריגע פארשטעלונג פון זייער ווירטשאפטליכער און פאליטישער מאכט אין לאנד און פון זייער ארגאניזירטען כח נעגען דעם ארבייטער-קלאס אין אמעריקא און געגען זייניגע קאמפס-ארגאניזאציעס.

די ארבייטער, דאגעגען, באזיצען בלויז אן אפגעשוואכטע ארגאניזאציע, וועלכע האט לעצטענס פארלוירען א גרויסען טייל פון איהר אמאליגער שטארקייט און קאמפס-פעהיגקייט און איז דורך דיזען פארהעלטניס צווישען קאפיטאל און ארבייט געצוואונגען צו זיין זעהר פארזיכטיג.

מיר האבען, אלזא, אין דיזען ארטיקעל געזוכט צו באווייזען, ווי אומגערעכט די פארדינסט-איינטיילונג איז אין אמעריקא. ווי אומגערעכט עס איז דאס פארמעגענס - איינטיילונג און דער רעזולטאט דערפון אויס'ן געביט פון דער כוחות-איינטיילונג צווישען קאפיטאל און ארבייט.

אז דער רעזולטאט איז פאר די ארבייטער און זייערע ארגאניזאציעס זעהר שלעכט און פארקריפעלט זייער קאמפס-פעהיגקייט, איז אויך קלאר באוויזען געווארען. איצט בלייבט נאך איבעריג אנצואווייזען אויף מאנכע אנדערע ספעציפישע אומשטענדען, וואס שאפען באזונדערע שוועריגקייטען פאר דער פיהרערשאפט פון אונזער אמעריקאנער טרייד-יוניאן באוועגונג, און דאן וועלען מיר קענען צוטרעטען צום אייגענטליכען ענין.

(פארזעצונג נאכפאלגט)

קארעקשאן.

אין פאריגען ארטיקעל איז אריין א פארדריסליכער טעות: אנשטאט „71 פראצענט פעטראלעאום אין אמעריקא", איז געווען אפגעדרוקט „17 פראצענט".

פ. ד.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

(שלום פון זייט 3)

וויל איך נים צוגעבען אדער ענדערען קיין איין ווארט פון דעם וואס איך האב אנגעגעבען שווארץ אויף ווייס.

איך וועל אצינד אויסדריקען מיין טיפסטע אנערקענונג צו די יעניגע, וואס האבען געהאלפען אין דעם אויפבוי פון אונזער יוניאן און אין באפרייען איהר פון קאמוניסטישען איינפלוס און קאנטראל. איך וויל אויך אויסדריקען מיין דאנק צו די יעניגע וואס האבען געהאלפען דער יוניאן צו באפרייען זיך פון אנדערע איבלען אויסער די קאמוניסטען, כאטש אין דיזען הינזיכט זיינען זיי געווען נים אינגאנצען ערפאלגרייך.

„איידער מיר האבען אפגעהאלטען אונזער קאנווענשאן, און זיים דאן, האט ביי אונז פאסירט פילע זאכען וועלכע, צוזאמען מיט דער אלגעמיינער שלעכטער לאגע פון דעם ווינטער סעזאן, האבען זיך אפגערופען זעהר שעדליך אויף דעם עקזיסטענץ און טעטיגקייט פון אונזער יוניאן. אונזער דזשאינט באארד האט געפעלט א קלארע און אויסגעהאלטענע פאליסי וועגען דעם וואס עס זאל זיין די פאליסי פון אונזער יוניאן. בלויז דער פאקט, דאס מאנכע פון אונזערע אייגענע, אדער אזעלכע וועלכע רופען זיך אן אלס אונזערע אייגענע מענשען, האבען זיך געשאפען א מיינונג, אז עס איז דא א מעגליכקייט פאר אונזער יוניאן צו מאכען שלום מיט די קאמוניסטען, האט געווירקט שעדליכער אויף דעם עקזיסטענץ און טעטיגקייט פון אונזער יוניאן ווי זאגאר דער שלעכטער סיזאן און דער אלגעמיינער שלעכטער אינדוסטריעלער צושטאנד. מען האט מיר איבערגעגעבען, אז געוויסע זאגענאנטע לאיאלע מענשען זאלען זיך האבען אויסגעדריקט אז מען וואלט געקענט מאכען שלום מיט די קאמוניסטען, ווען נים די עקשנות פון צוויי מענשען, נעמליך, זיגמאן און אנטאניני. איך קען נים באגרייפען די מעגליכקייט פון א שלום מיט די קאמוניסטען אדער א טייל פון זיי. לוים מיין געדאנק מיינט שלום מיט די קאמוניסטען, די ווייטערע פארניכטונג און צושטערונג פון אונזער יוניאן, און דער וואס וויל פארהיטען דעם עקזיסטענץ פון דער יוניאן קאן זיך נים אנשליסען אן דעם געדאנק פון צו מאכען אזא שרים.

„איך וויל קלאר מאכען נאך איין פונקט. זינט מיר האבען איבערגענומען די יוניאן און איהר באפרייט פון דער קאמוניסטישער הערשאפט, האבען מאנכע פראמינענטע פיהרער פון אונזער יוניאן, אין פריוואטע געשפרעכען, מיר באמערקט אז איך אליין בין א „לינקער". איך האב קיינמאל נים געלייקענט אז איך בין א „לינקער". איך בין אבער א „לינקער" פון דעם „קאנסערוואטיווען" און נים פון דעם „קאמוניסטישען" טיפ.

צום שלום וויל איך אייך דאנקען פאר אייער אויפמערקזאמקייט און איך וויל אויך גלייכצייטיג דאנקען אלע איינצעלנע פערזאנען, וועלכע האבען באצאהלט דעם העכסטען פרייז און האבען זיך אויפגעאפפערט אין אונזער קאמף צו באפרייען די יוניאן פון דער קאמוניסטישער הערשאפט, און אין פארזיכערען איהר עקזיסטענץ.

„איך וויל אויך אז איהר זאלט האבען אין זינען, אז עס איז אייער פליכט צו ארגאניזירען די ארבייטער. זיי מוזען האבען א יוניאן. איך פארזיכער אייך, אז איך וועל גארניט האבען צו טהאן מיט דער יוניאנ'ס טעטיגקייט, אדער פיהרערשאפט. איך וועל קיינעם נים אויפהעצען און אויך נים געבען קיינעם קיינע עצות. איך פאהר אוועק צו מיר אהיים אין דעם שטאט איאווא, וואו איך וועל מיך פיהרען א צוריקגעצויגענעם לעבען. איך וועל זיך נים מישען אין קיינע יוניאן אנגעלעגענהייטען. איך וועל זיך אימער אינטערעסירען מיט אייער ארבייט און וועל נאכפאלגען די באריכטען וועגען דעם פראגרעס און טעטיגקייט פון אונזער יוניאן, אבער איך וועל זיך מיט קיינעם נים דורכשרייבען וועגען אנגעלעגענהייטען וואס האבען צו טאן מיט דער יוניאנ'ס פאליסים און פיהרערשאפט. אויב אימיצער וועט שרייבען צו מיר וועגען דיזע אנגעלעגענהייטען, וועל איך אזוינע בריעף נים ענטפערען".

בר. זיגמאן' רעדע ווערט אויפגענומען מיט גרויס אפלאוז.

דער טשערמאן באדאנקט בר. זיגמאן פאר זיין ווארימער און ערנסטער רעדע און ער פארזיכערט איהם אז די יוניאן וועט אימער געדענקען און אפשאצען זיין אונערמידליכע ארבייט און זיינע גרויסע אויפטואונגען.

דזשענ. מענעדזשער'ס באריכט.

בר. נאגלער באריכטעט, אז מיט עטליכע וואכען צוריק האט ער געמאלדען צום דזשאינט באארד אז א געוויסער סכסוך איז ארויסגעקומען צווישען דער יוניאן און די קלאוק דזשאבערס אסאסיאיישאן וועגען דער אויסטייטשונג פון א געוויסען פונקט אין אונזער קאלעקטיווען אגרימענט, און די קייס איז איבערגעגאנגען צום אומפארטייאישען טשערמאן. דער אומפארטייאישער טשערמאן האט דאן צוריקגעהאלטען זיין ענטשיידונג. אצינד האט ער ארויסגעגעבען דעם דעסיזשאן און עס איז צום גונסטען דער יוניאן.

דיזער אורטייל, זאגט בר. נאגלער, איז קלאר און אין פאלקאמען איינקלאנג מיט דער יוניאנ'ס טענה אז לויט דעם יעצטיגען אגרימענט טארען די דזשאבערס נים האנדלען מיט נים-יוניאן פירמעס סיי ווען זיי גיבען אורדערס, אדער סיי זיי קויפען פארטיגע ווארע.

נאך א קורצער דיסקוסיע ווערט ברודער נאגלער'ס באריכט גוטגעהייסען.

אידאן פריפעראטארי סקול

185-7 א. בראדוויי. טעל. ארטשארד 4478

דזש. ע. אידאן, פרינציפאל.

1. ענגליש 3. קאלעדזש רידזשענטס
2. רידזשענטס 4. ביזנעס בילדונג

די בעסטע לערער און פערזענליכע לערונג פאר 27 יאהר.—מעסיגע לערע קאסטען.

קלאסען בייטאג און ביינאכט.

קאטאלאג פריי צוגעשיקט.

רעדזשיסטרירט זיך איצט [illegible]

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, ו.)
אין מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואָרקערס יוניאן

Vol. X. No. 35. Jersey City, N. J., Friday, November 30, 1928 — פרייטאג, 30טער נאוועמבער, 1928 — PRICE 3 CENTS

קאנווענשאן פון א. פ. אוו ל. פארפליכטעט זיך צו געבען פולע קאאפעראציע צו אונזער אינטערנעשאנאל

דער ארבייטער צוזאמענקונפט אין ניו ארלעאנס נעהמט אן איינשטימיג די רעזאלוציע פון די אינטערנעשאנאל דעלעגאטען. — פרעזידענט שלעזינגער איז טיף צופרידען מיט דער סימפאטישער שטעלונג פון די דעלעגאטען און פון דער קאנווענשאן צו אונזער יוניאן.

די 48טע קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר, וואס קומט איצט פאר אין ניו ארליענס, האט אויסגעדריקט איהר פריינדשאפט און ברודער־געפיהל צו דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואָרקערס יוניאן, דערמיט וואס זי האט איינשטימיג אנגענומען א רעזאלוציע וועלכע פארפליכטעט די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר צו געבען איהר פולע אונטערשטיצונג צו דער „אינטערנעשאנאל" אין אלע איהרע אונטערנעמונגען, קאמפיינס און אגרימענט פארהאנדלונגען מיט די באלעבאטים אין דער קלאוק און דרעס אינדוסטריע.

די רעזאלוציע איז אריינגעבראכט געווארען צו דער קאנווענשאן פון פרעזידענט ב. שלעזינגער, ברודער מעני וויס פון לאקאל 6, ניו יארק, ברודער אב. קאטאפסקי, קליוולאנד דזשאינט באארד, און ברודער איזידאר נאגלער, לאקאל 10, ניו יארק, — די פיר דעלעגאטען פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואָרקערס יוניאן ביי דער ניו ארליענסער קאנווענשאן. די רעזאלוציע איז איבערגעגעבען געווארען צו דער ארגאניזאציאנס קאמיטע, און פון דארט איז זי פארגעבראכט געווארען פאר דער קאנווענשאן, מאנטאג, דעם 26טען נאוועמבער, וואו זי איז איינשטימיג אנגענומען געווארען.

דער פריינדליכער באשלוס פון דער קאנווענשאן, וואס איז אנגענומען געווארען אין א צייט ווען די אינטערנעשאנאל יוניאן שטעהט איבער'ן גאנצען לאנד ערב גרויסע ארגאניזאציאנס קאמפיינס, ווען פילע אגרימענטס האלטען ביים אויסגעהן און דארפען באנייט ווערען, וועט באשטימט ארויסרופען א פרייד צווישען אלע אונזערע מעמבערס. דער דאזיגער באשלוס וועט געבען דער פיהרערשאפט פון אונזער יוניאן, אזוי גוט ווי דער מעמבערשיפ גופא, מוט און האפענונג צו פאראייניגטער און סאלידארער יוניאן טעטיגקייט.

די רעזאלוציע לעזט זיך ווי פאלגט:

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאס

(שלוס אויף זייט 2).

סעקר. באראף נאגעלט צו „כאווער" היימאן צום שאנד־קלאץ אין דער ראטשטיין אפערע

ציינט אן, אז דער קאמוניסטישער אונטערפיהרער אין סטרייק וואס האט פאראומגליקט טויזענטער קלאוקמאכער איז א ליגנער און א פארלוימדער.

לעצטע וואך האט „כאווער" היימאן ווידער געהאט א געלעגענהייט צו ציינען דער וועלט, אז ער איז אימער בארייט צו זיין א שמאטע אין קאמוניסטישע הענט, ווען נאר זיי דארפען אפווישען א באזונדער ביסעל שמוץ און צו פארדעקען זייער יוניאן־ברעכערישע מלאכה. גראדע זיינען די לעצטע פאר וואכען געווען זעהר ביטערע פאר דער קאמוניסטישער געזינדעל; עס האט זיך אויף זיי געשאטען קלעפ פון אלע זייטען, און אפילו זייערע „הארד־באילד באסים" האבען אנגעהויבען פיהלען, אז זיי קענען דאס געזיכט אין גאס ינט צייגען פאר בושה. ערשטענס, איז געווען דער בריעף, וואס האט דירעקט פארבונדען דיזע חברה מיט זייער „מיינער יוניאן" מיט א באוואוסטע סקעב אגענטור אין ניו יארק, וואס שטעהט אין אפענער דינסט פון די מיין בארענען; דאן איז ווי א דונער פון הימעל ארויסגעפאלען דער ליבער ראטשטיין־פארטנאי בריוועל, וואס האט אזוי בולט ארויסגעצייגט פאר דער גאנצער ארבייטער וועלט ווי טיף די קאמוניסטישע אפעריסטען זיינען פארזונקען געווארען אין דער אונטערוועלט שמוץ, ווען זיי האבען פאר זייערע יוניאן־ברעכערישע מאניעווערן זיך ניט אפגעשטעלט צו מאכען פארטנערס מיט די נידעריגסטע געמבלערס און בויאנעס.

אט אין אזא עת צרה האבען די צוטומעלטע קאמוניסטען גענומען רופען צו הילף אלע זייערע „מענשען", און מר. היימאן האט זיך גלייך אפגערופען אלס א „רעטער" מיט א לאנגער מעשה אין דער קאמוניסטישער בלאט, אין וועלכען ער באמיהט זיך צו דערצעהלען, אז, ערשטענס, איז עס גארניט אזא שאנדע פאר „רעוואלוציאנערע" יוניאן פיהרער צו מאכען געשעפטען מיט אונטערוועלט קעניגע, און, צווייטענס, אז ער און זיין כאווער פארטנאי זיינען נעבאך גאר גאט די נשמה שולדיג, און אז סעקרעטער בא־

(שלוס אויף זייט 2)

דזשאינט באארד ארראנזשירט גרויסען באנקעט פאר פרעז. שלעזינגער

די גאנצע ארבייטער באוועגונג וועט זיין פארטראטען.

די ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן ארראנזשירט איצט א גרויסען פאלקס־באנקעט לכבוד ברודער ב. שלעזינגער, צוליב זיין ערוועהלונג אלס פרעזידענט פון אונזער יוניאן.

די ארראנזשמענטס קאמיטע וואס באשטעהט פון די ברידער: הערי וואנדער, ל. בארטקאווסקי, מ. קויפמאן, מ. נארדאן, מ. ראבינאוו, מ. קאנסקי, ע. מאליסאנא און אראנאוו, האבען באשלאסען, אז דער באנקעט זאל שטאטפינדען פרייטאג, דעם 7טען דעצעמבער, אין פארק וויו פאלעס, 5טע עוו. און 110טע סטריט. אינ'ם באנקעט וועלען זיך באטייליגען אלע לאקאלען פון דער אינטערנעשאנאל אין ניו יארק און אומגעבונג, אלע ניו יארקער שאפ־טשערליים און פארשטעהער פון דער גאנצער אידישער ארבייטער באוועגונג.

א טיקעט צום באנקעט קאסט 2 דאל. און לויט ווי דער סעקרעטאר פון דער ארראנזשמענטס קאמיטע, ברודער הערי וואנדער, אינפארמירט אונז, זיינען שוין 400 טיקעטס פארקויפט געווארען צו מיטגלידער פון די פארשיידענע לאקאלען. מעמבערס פון דער יוניאן וואס ווילען זיך באטייליגען אין דיזען רענק־און־פייל באנקעט לכבוד ברודער ב. שלעזינגער, זאלען דעריבער זיך באצייטענס פארזארגען מיט טיקעטס.

טשילדרען דרעס מייקערס גרייטען זיך צום גענעראל סטרייק

עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 91 באשליסט גרויסען פארבערייטונגס־קאמפיין. — גענעראל סטרייק געגען אלע ניט־יוניאן שעפער אומפארמיידליך. — בר מצוה באנקעט פאר מענעדזשער גרינבערג שבת אווענד.

אויף דעם לעצטען מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 91, טשילדרענס דרעס און הויז דרעסמייקערס יוניאן, וואס איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג אווענט, דעם 22טען נאוועמבער, אין אודיטאריום פון דער אינטערנעשאנעל, איז נאך א לאנגער און ערנסטער בעראטונג איינשטימיג באשלאסען געווארען באלד אנצופאנגען א גרויסען און ענערגישען ארגאניזאציאנס־דרייוו. דער צוועק פון דיזען אינטענסיווען יוניאן דרייוו, איז כדי די יוניאן זאל ביז ארום פעברואר ווערען פארטיג פאר א גענעראל סטרייק אין דער טשילדרען דרעס און הויז דרעסמייקער טרייד, וועלכער איז, לויט דער מיינונג פון דער יוניאן פיהרערשאפט און פון די רענק און פיילער, אן אומפארמיידליכע פאסירונג.

דער אגרימענט צווישען די באלעבאטים און לאקאל 91 געהט אויס אין פעברואר. דער סטרייק ווערט אבער ניט אזוי געפלאנט געגען די יוניאן פירמעס, נאר טאקע הויפטזעכליך געגען די נייע ניט־יוניאן פירמעס, וועלכע ווערען א געפאר פאר דער טשילדרען דרעס אינדוסטריע דורך זייער קאנקורענץ מיט ביליגע סקעב פראדוקשאן. דער געפלאנטער סטרייק איז, אלזא, א אינדוסטרי סטרייק געגען די ניט־יוניאן שעפער, כדי צו יוניאניזירען די נים ארגאניזירטע ארבייטער אין טרייד און כדי צו באשיצען די אינדוסטריע פון פאלשטענדיגער דעמאראליזאציע.

דער באלדיגער ארגאניזאציאנס־דרייוו פון לאקאל 91 פאנגט זיך אן מיט א פרעהליכער געלעגענהייט, ביי א געמיטליכען צוזאמענקונפט מיט דער גאנצער טערנעשאנעל לאקאלען. דאס וועט זיין משפחה פון אונזער ניו יארקער אינ־אוים'ן בר־מצוה־באנקעט, לכבוד דעם מע־

(שלוס אויף זייט 12)

אינטערנעשאנאל רעארגאניזירט לאקאל 52, לאס אנדזשעלעס קלאוק מאכערס

א גרופע קאמוניסטען באשליסען אפצושפאלטען זיך פון דער יוניאן ביי א צוזאמענגעפויקטען „כאווערשען" מיטינג. — די מאסע ארבייטער בלייבען לאיאל דער אינטערנעשאנאל. — בר. פלאטקין נייער מענעדזשער פון לאקאל.

א גרופע קאמוניסטען האבען מיט עטליכע מאנאטען צוריק פארכאפט דעם אפיס פון לאס־אנדזשעלעסער קלאוקמאכער לאקאל 52, און האבען אנגעפאנגען צו טעראריזירען די לאיאלע מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל און ארויסצושטופען זיי פון די דזשאבס, כדי איינצופונדעווען זייערע איינענע כאווערים אין טרייד.

די ערשטע זאך וואס דיזע קאמוניסטען האבען אויפגעטאן איז געווען ארויסצוגעבען רעסיטלאך פאר דיוס אנשטאט ארויסצוקלעפען אינטערנעשאנעל סטעמפס אויף די ביכלעך, ווי עס דארף צו זיין. האבען, נאטירליך, די לאיאלע מיטגלידער פראטעסטירט און האבען זיך אנטזאגט צו צאהלען אזעלכע בלאפערישע דיוס, און האבען צו דער [illegible] ארויסגעשיקט א [illegible] אין דזשענעראל אפיס ווענגען די שעהנע מעשים פון די קאמוניסטישע בעאמטע. די חברה פלעגט זיך אנטזאגען אויפצונעמען טראנספערס פון מיטגלידער פון אנדערע אינטערנעשאנאל לאקאלס, צ. ב. פון שיקאגא, אדער ניו יארק, סיידען זיי האבען פריער ארויס געוואוסט, אז דער נייער אנגעקומענער קלאוקמאכער איז זייערער א כאווער. אויסערדעם, האבען זיי אהן א שום פארוואס מיט עטליכע חדשים צוריק ארויסגערופען אין סטרייק א גרויסען דרעס שאפ, בלויז צוליב קאמוניסטישע פראפאגאנדע צוועקען, צו צייגען וואס זיי קענען אויפטאן, און האבען נאטירליך פארשאפט די דרעס מאכער וואס האבען אין יענעם שאפ געארבייט א וועלט מיט צרות.

ווען דיזע אלע פאקטען זיינען פאר־

(שלוס אויף זייט 2)

אינהאלט פארצייכנים

„גערעכטיגקייט", נומער 35.

זייט 2. נייעס, שלוסען.
זייט 3. ביים ניו יארקער דזשאינט באארד — הערי וואנדער.
זייט 4. פילאדעלפיער פיודוש — מ. פאלין.
זייט 5. יוניאן צייט נאטיצען — פ. העלין.
זייט 6. עדיטאריעלס.
זייט 7. וויליאם גרין אין איירא פא — ת. לאנג.
זייט 8. ווער זיינען אונזערע יוניאן־לייט? — אלטער קלאוקמאכער.
זייט 9. געמבלער ראטשטיין און די קאמוניסטען — יעקב רייך.
זייט 10. די דרעסמאכער ביי דער ארבייט — [illegible]
[illegible]

„א יוניאן פאר אלע ארבייטער אין טרייד", זאגט פרעז. שלעזינגער ביים דזשאינט באארד מיטינג

נייער פרעזידענט קריגט אן אוואציע און בלומען. — סעקרעטאר וואנדער'ס רעפארט רופט ארויס א ווארימע דיסקוסיע.

דער לעצטער מיטינג פון דעם ניו יארקער דזשאינט באארד, וואס איז פאר־געקומען לעצטען פרייטאג אוונט, דעם 9טען נאוועמבער, האט געטראגען א יום־טוב'דיגען און גלייכצייטיג א פראקטי־שען כאראקטער. דער מיטינג האט זיך אנגעפאנגען מיט דעם באריכט פון ברו־דער וואנדער, סעקרעטער־טרעזשורער פון דעם דזשאינט באארד. ער האט דעם מאל נישט בלויז געלעזען די פראטאקא־לען פון דעם דזשאינט באארד, נאר אויך אפגעגעבען א אינטערעסאנטען באריכט פון דער יוניאן קאנפערענץ, וואס איז א טאג בעפאר אפגעהאלטען געווארען בשותפות מיט דער באארד אוו דירעק־טארס.

פון'ם באריכט האט מען געקענט ארויסנעמען, אז די מייסטע פון אונזערע יוניאן מענעדזשערס און אקטיווע יוניאן טוער האלטען, אז צוליב דעם וואס מען האט די גאנצע צייט זיך אויסשליסליך אפגעגעבען מיט דער רעגיסטראציע פון דער מעמבערשיפ און מיט ארגאניזירען אלע מעהרער נייע שעפער, זיינען דער־ווייל די עקזיסטירענדע רעגיסטרירטע און יוניאניזירטע שעפער שטארק פאר־נאכלעסיגט געווארען און דעריבער איז די בעראטונג געקומען צום באשלוס, אז זייט ביי זייט מיט ארגאניזאציאנס־אר־בייט וועט יעצט אויך מוזען אנגעפירט ווערען א שטארקע טעטיגקייט אין די יוניאן שעפער, כדי דארט צו פארפעסטי־גען די יוניאן באדינגונגען און איינצו־פירען די פארנאכלעסיגטע אויפגאבען אין די דאזיגע שעפער.

דער דאזיגער באריכט האט ארויסגע־רופען א שארפע און לעבעדיגע דיסקו־סיע, אין וועלכער עס האבען זיך בא־טייליגט די ברידער אשפיז, מאליסאני, ריין, גארדאן, פיינבערג, בלום און גענע־ראל מענעדזשער ברודער נאגלער, וועל־כער האט פארטיידיגט דעם סטעף געגען די שארפע קריטיק, וואס ברודער אשפיז האט אויף זיי געמאכט, האבענדיג דער־ביי, נאטירליך, די בעסטע כוונות.

נאכדעם ווי עס זיינען ערלעדיגט גע־ווארען די איבעריגע פראגען פון דער טאגעס־ארדנונג, האט בר. סטאלער, דער טשערמאן פון דעם דזשאינט באארד, פארגעשטעלט דעם ניי־ערוועהלטען פרע־זידענט פון דער אינטערנעשאנעל, ברו־דער ב. שלעזינגער, וועלכער איז אויפ־גענומען געווארען מיט גרויס באגייסטע־רונג פון אלע דעלעגאטען, וועלכע האבען זיך, אלס צייכען פון רעספעקט און צופרידענהייט, אויפגעשטעלט פון די ער־טער און איהם הארציג אפלאדירט.

ברודער שלעזינגער האט אויף א הארציגען אופן געדאנקט פאר דער אוואציע, און פאר די בלומען, מיט וועלכע מען האט איהם באשאנקען, וועלכע האבען פאר איהם בלויז אויף אזוי פיל א ווערט, אויף וויפיל זיי זיינען א צייכען פון אויפריכטיגען פארטרויען און א פאר־שפרעכען פון אקטיווער, ענערגישער און איבערגעגעבענער מיטארבייט אין די איצ־טיגע שווערע באדינגונגען, כדי צו פאר־ווירקליכען די שווערע אויפגאבען וואס שטעהען איצט פאר איהם און פאר דער גאנצער פיהרערשאפט פון דער יוניאן.

„איהר קענט מיר גלויבען, אז איך בין נים געקומען זיך צו מאכען שונאים", האט שלעזינגער פארטגעזעצט זיין רע־דע. „איך בין געקומען מאכען פריינד פאר דער יוניאן און פאר דער פיהרונג פון דער יוניאן. צו דערגרייכען די דא־זיגע פריינדשאפט איז מיין אויפגאבע, און מיין וואונש. ווען יעמאנד מיינט אבער, אז איך וועל מיך נאך דער דא־זיגער פריינדשאפט נאכיאגען, מאכט ער א גרויסען טעות. איך וועל פאר קיין שום פריינדשאפט מיט מיינע פרינציפען און אנשויאונגען נישט באצאהלען. איך גלויב און האף צו געווינען די פריינד־שאפט פון די קלאוק און דרעסמאכער אזוי גוט ווי פון אלע ארבייטער פריינד פאר אונזער יוניאן און פאר אונזערע וויכטיגע און דרינגענדע אויפגאבען, דורך מיין אויפריכטיגען וואונש צו שא־פען א יוניאן פאר אלע ארבייטער אהן אונטערשיד פון פאליטישער איבערציי־גונג, און פארטיי צוגעהעריגקייט. און צו פיהרען דיזע יוניאן לויט מיין בעס־טען געוויסען און אין בלויזען אינטערעס פון די טרייד־יוניאן פרינציפען און נוי־טען פון אונזער מעמבערשיפ".

ווען פרעזידענט שלעזינגער האט גע־ענדיגט זיין רעדע, וועלכע איז געהאל־טען געווארען אין א זעהר אינטימען טאן, איז ער נאכאמאל באלוינט גע־ווארען מיט הארציגע אפלאדיסמענטען, און יעדער האט אויסגעטראגען דעם איינדרוק אז אלע וועלען איהם מיט אלעם און אין אלעם געוויס אונטער־שטיצען.

די גאנצע אינטערנעשאנאל און די ארבייטער־באוועגונג באגריסען בר. שלעזינגער אלס ניי־ערוועהלטען פרעזידענט

ברודער בענדזשאמין שלעזינגער האט אין משך פון די לעצטע טעג בא־קומען א גרויסע צאהל באגריסונגס־טעלעגראמעס צוליב זיין ערוועהלונג אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשא־נאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן. פון אלע עקען לאנד האט ער באקומען גרוסען און אויפריכטיגע וואונשען, אז עס זאל איהם געלינגען צוריקצובריינגען די יוניאן צו איהר אמאליגען גלאנץ און רוים. כמעט אלע לאקאלען איבער'ן לאנד, די דזשאינט באארדס פון אלע גרעסערע קלאוק און דרעסמאכער צענט־רען, האבען אויסגעדריקט זייער בארייט־קייט צו העלפען דעם נייעם פרעזידענט פון דער יוניאן מיט אלע מיטלען און כחות אין זיינע ערנסטע און וויכטיגע אויפגאבען.

פון קליוולאנד האבען אלע טשער־לייט מיט די עקזעקוטיוו באארדס און דער דזשאינט באארד צוגעשיקט דעם נייעם פרעזידענט די פאלגענדע טעלע־גראמע:

„מיר האפען דורך אונזער נייעם פרעזידענט ווידער צו זעהן א סאלידע, פאראייניגטע יוניאן, אין וועלכער אלע טיילען פון דער אינטערנעשאנעל ווע־לען בילדען איין קערפער און איין נשמה".

די ניו יארקער דזשאינט באארד האפט דורך דעם נייעם פרעזידענט „צו דערגרייכען יענע איינינקייט, מיט וועל־כער עס וועט איהר זיכער געלינגען די יוניאן צו פיהרען און צו דערפיהרען צו יענער פריערער מאכט, פאר וועלכער עס האט זיך געבויגען די גאנצע אינדוסט־ריע אין טרייד".

שיקאגא פארשפרעכט יעדע מיטהילף און פארטרויען צו דעם נייעם לידער פון דער ארגאניזאציע: „איהר קענט אין יעדער באציהונג און צו יעדער צייט רעכענען אויף אונזער קאמפס־פעהיגקייט און סאלידאריטעט אין אלע אייערע אונ־טערנעמונגען צו פארבעסערען די לאגע פון די קלאוק און דרעסמאכער".

טעלעגראמען זיינען פאראן, ווי גע־זאגט, פון אלע דזשאינט באארדס און פון אלע אינטערנעשאנעל לאקאלען אי־בער'ן לאנד. די צאהל פריוואטע גרא־טולאציעס פון אלע טיילען פון דער אר־בייטער באוועגונג און פון כמעט אלע יוניאן אפיסערס איבער'ן לאנד צייגען די גרויסע סימפאטיעס, וואס שלעזינ־גער האט זיך ערווארבען אין דער אר־בייטער באוועגונג.

גענאסע לעווים, דער מענעדזשער פון לאס אנדזשעלעס „פארווערטס" —

„אין די שווארצעסטע שטונדען פון דער ארבייטער באוועגונג און פון דער יוניאן אין לאנד האב איך אפט גע־טראכט, אז איהר זייט דער איינציגער, וואס וואלט געקענט סייפען די סיטוא־ציע. איך ווינש אז עס זאל אייך גע־לינגען די אלטע שטאלצע קלאוק מא־כער יוניאן צו רעהאביליטירען".

דער מענעדזשער און רעדאקטאר פון שיקאגא „פארווערטס", די גענאסען לע־ווינסאן און סיגעל, גראטולירען שלעזינ־גער'ן אין באוואוסטזיין, אז ער וועט זיכער זיין סוקסעספול נישט נאר פאר דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן, נאר פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

גאר הארציגע פארשפרעכונגען האבען געקייבעלט די וויכטיגסטע יוניאן אפי־סערס פון גאנצען לאנד: קאטאפסקי און פריינד, פון קליוולאנד; גילבערט, פון סט. לואיס; מאראביטא, פון באס־טאן; מאזער און פערלמוטער, פון ניו יארק; רופער, פון שיקאגא.

א גרויסע צאהל טעלעגראמען פון איטאליענישע לאקאלען און אפיסערס, און פון אמאליגע אקטיווע יוניאן טוער, זיינען ערהאלטען געווארען.

א הארציג טעלעגראמע איז אויך אנ־געקומען פון פיליפ קאפלאוויץ, פון יונה ספיוואק, פון שיקאגא „פארווערטס", און פון דעם אמאליגען מענעדזשער פון דזשאינט באארד, ברודער ישראל פיינ־בערג.

פרעז. שלעזינגער האט אויך ערהאל־טען א הארציגע גראטולאציע פון לאקאל 2, וואו ער איז א מעמבער, און פון ברודער וואנטעל, דעם טשערמאן פון לאקאל.

א טעלעגראמע איז אויך אנגעקומען פון דער ווימענס טרייד יוניאן ליג, אונ־טערשריבען פון פרעזידענטין ראוז שניי־דערמאן, אין וועלכער זי דריקט אויס די צופרידענהייט פון איהר ארגאניזאציע מיט דער ערוועהלונג פון בר. שלעזינגער אלס פרעזידענט, און פארשפרעכט, אז „אירגענד וועלכע דינסט וואס מיר קענען לייסטען צו העלפען אייך בויען די אר־גאניזאציע וועלען מיר טאן מיט גרויס פארגעניגען".

קומט באזוכען די שעהנע יוניטי הויז אין ווינטער

מאכט רעזערוויישאנס פאר טהענקס־גיווינג דעי וויק־ענד.

אונזער שעהנע יוניטי היים אין פא־רעסט פארק איז שוין גרייט אייך אויפ־צונעמען מיט די פיינסטע פארבאריי־טונגען. דער יוניטי גייסט איז אין ווינטער נאך א סך אינטימער און היימ־ליכער ווי אין זומער.

א גאר ספעציעלע אטמאספערע וועט דארט הערשען „טהענקסגיווינג וויק ענד". סטים היט אין די קאטעדזשעס און אין סאשעל האל, די בעסטע מאכלים און אלערליי ווינטערדיגע ספארטס.

אויב איהר ווילט קומען, מאכט א באשטעלונג זאפארט דורך דעם עדיוקיי־שאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט, און איילט זיך צו טאקע. מען ערווארטעט אז א גרויסארטיגער עולם וועט ארויסקומען צו פארברענגען דארט די עטליכע טעג.

א דאנק רעזאלוציע

מיר, די ארבייטער פון דעם שאפ פון סעמיועל שאפירא, 36 איסט 9טע סטריט, האבען באשלאסען ביי א שאפ מיטינג לעצטען דאנערשטאג, דעם 8טען נאוועמבער, צו באדאנקען מיט ברידער־ליכע הערצליכקייט דעם דאון־טאון דיסטריקט מענעדזשער פון אונזער יו־ניאן, ברודער דעסטי, און אונזער ביז־נעס אייידזשענט, ברודער דארפמאן, דער־פאר וואס דורך זייער מיה און איבער־געבענהייט, איז אונז, צוזאמען מיט זיי, געלונגען צו פארמיידען א סטרייק ביי אונז אין שאפ, און דער טראבעל איז אויסגעגליכען געווארען צו דער צופרי־דענהייט פון אלע ארבייטער.

אונטערשריבען
דזשאו לעווענטאל, שאפ טשערמאן.
סעם טאקער,
מאריס מענענבוים,
בעני ראפסקין.

ספעשעל מעמבער מיטינג פון ניו יארקער דרעס־מאכער גרייט זיך צו באגעגענען נייעם סעזאן

מענעדזשער שפילמאן און וויים־פרעזידענט האכמאן צווישען די רעדנער. — מיטינג וועט פארטגעזעצט ווערען און באשלוסען וועלען געפאסט ווערען אין די נאהענטסטע טעג.

מיטוואך אוונט, דעם 7טען נא־וועמבער, איז אין רענד סקול אודיטא־ריום אפגעהאלטען געווארען א מעמבער מיטינג פון לאקאל 22 דרעסמאכער, אין וועלכען עס האבען זיך באטייליגט א גרויסע צאהל מעמבערס.

די פארהאנדלונגען האבען זיך אויס־שליסליך באשעפטיגט מיט פראקטישע פראגען ווי אזוי און אין וואס פאר א פארמע די יוניאן זאל באגעגענען דעם קומענדען סיזאן. אלע זיינען געווען איינשטימיג דערין, אז אלע מיטלען מו־זען אנגעווענדעט ווערען, כדי דיזער סי־זאן זאל אויסגענוצט ווערען פאר דער דרעס מאכער יוניאן; מען מוז זיך נעמען מיט ענערגיע אויסצוראטען די פילע נאן־יוניאן שעפער אין דעם טרייד, אפילו ווען ה׳ים זאל אנדערש נים קא־נען דערגרייכט ווערען, ווי דורך א דרעסמאכער סטרייק.

דער טשערמאן פון מיטינג, ברודער ראבינאוויטש, האט צום ערשטען פאר־געשטעלט דעם מענעדזשער פון לאקאל, ברודער ספילמאן, וועלכער האט אפגע־געבען א לאנגען און אויספירליכען בא־ריכט. דער באריכט האט ארומגענומען די גאנצע טעטיגקייט פון לאקאל פאר דעם לעצטען יאהר צייט, אוך האט גע־שילדערט דעם איצטיגען צושטאנד פון דער ארגאניזאציע און די לאגע אין דרעס טרייד. בר. ספילמאן האט פארגעשלא־גען פארשידענע פלענער פאר דער קו־מענדער טעטיגקייט פון לאקאל, ווי אויך איינינע רעפארמען פאר דער יוניאן. דער באריכט האט ארויסגערופען א אינטע־רעסאנטע און אויספירליכע דיסקוסיע, וועלכע האט געמוזט איבעררייסען ווערען צוליב דעם וואס עס איז געווארען צו שפעט.

א פארטזעצונג פון דעם ספעציעלען מיטינג וועט פארקומען אין די נאהענט־סטע טעג.

[illegible] דער דיסקוסיע האט זיך, צווי־ [illegible]

וויים־פרעזידענט ברודער יוליוס האכ־מאן, וועלכער האט אין פילע פרטים זיך דערקלערט נים איינשטימיג מיט ברודער ספילמאן'ס מיינונגען, און האט ארויס־געבראכט פילע געדאנקען וועגען דעם ווי אזוי די דרעסמאכער דארפען אנגעהן מיט דער ארבייט, וואס האבען ארויסגע־רופען א טיפען אינטערעס צווישען די פארזאמעלטע.

גרויסע הכנות פאר דעם ארץ־ישראל ארבייטער קאמפיין פון 1928-29

מיט דעם טור וועלכען א. העמלין, דער נאציאנאלער סעקרעטאר פון גע־ווערקשאפטען קאמפיין, האט ערשט פאר־ענדיגט, האט זיך איבער'ן גאנצען לאנד אנגעפאנגען די פארברייטונגס־ארבייט פאר דעם יאהר 1928-29. העמלין האט באזוכט די וויכטיגסטע צענטרען פון דער איסט, מידל־וועסט און קענעדע. אין די אלע שטעדט זיינען אפגעהאלטען געווא־רען קאנפערענצען און אלגעמיינע פאר־זאמלונגען פון די אקטיווע טוער און ביי־שטייערער. איבעראל הערשט א פייער־ליכע שטימונג פאר דער „הסתדרות" און פאר אלעם וואס די אידישע ארבייטער־שאפט אין ארץ ישראל האט ביז איצט אויפגעטאן. דער נאציאנאלער ארבייטער קאמיטעט איז זיכער צו האבען אויך אין דער צוקונפט די פולסטע מיטהילף פון די אידישע מאסען אין אמעריקע.

ביי דער לעצטער זיצונג פון דער נא־ציאנאלער עקזעקוטיווע איז באשלאסען געווארען אפצוהאלטען די פערטע נאציא־נאלע ארבייטער קאנווענשאן דעם 29—30טען דעצעמבער אין ניו יארק. צו דער קאנווענשאן ווערען ערווארטעט פארשטע־הער פון אלע 800 פראגרעסיווע און אר־בייטער ארגאניזאציעס ווי אויך די קאמ־פיין קאמיטעטען איבער'ן לאנד וועלכע זיינען אנגעשלאסען אין געווערקשאפטען־[illegible]

קלאוק אפערייטארס, לאקאל 2, ווינשען בר. זיגמאן א זייגעזונט אין א ווארימער רעזאלוציע.

„מיר, די מעמבערס פון לאקאל 2, א. ל. ג. וו. י., פארזאמעלט ביי א גענע־ראל מעמבער מיטינג מאנטאג אוונט, נאוועמבער דעם 5טען, 1928, אין בריינגס האל, 725—6טע עוועניו, דריי־[illegible] אויס אונזער באדויערען וואס אונ־[illegible] ברודער מאריס זיגמאן פארלאזט [illegible] די יוניאן אלס פרעזידענט פון דער [illegible]נעשאנאל.

מיר זיינען זיכער דאס די מעמבערס [illegible] אונזער לאקאל האבען שלעמאל אפ־[illegible] די גוטע ארבייט וואס בר. זיג־[illegible] האט געטאן פאר אונזער יוניאן [פון] [דעם] טאג וואס זי איז אויפגעבויט גע־[illegible] [illegible]